# צו די לייענער פון „לשון און לעבן“

1. דאס פריערדיקע שטענצל־העפטל דער איצטיקער זשורנאל „לשון און לעבן“, וועלכן מען האט פריער נאר געקענט קויפן אויף פארזאמלונגען, אדער מיר ליד פון מיטגלידער פון „פריינט פון יידיש לעבן“ קאן מען איצטער קויפן במעט אין אלע בוכהאנדלונגען אין ווייטשעפל, ווי מאזין, שאפירא־וואלענשטיין עט קאמפ. מרס. נאלוב. איר קענט אויך קריגן דורך דער פאסט דירעקט צו זיך אהיים דורך ווערן אבאנאמענט. איר ברויכט נאר אריינצושיקן אייער אדרעס מיט באצאלונג פאר א יאר אדער האלב יאר צום סעקרעטאר פון „פריינט פון יידיש־לשון“.

2. אונזערע חשובע אבאנענטן, וועלכע באקומען שוין צוגעשטעלט זייט איניקע חדשים אונזער זשורנאל און האבן נאך נישט באצאלט דעם אבאנעמענטס־פרייז, בעטן מיר זייער צו צושיקן די באטרעפנדע סומע:

13/6 פאר א יאר. אין אויסלאנד 3 דאלאר.

ווענדט זיך אין אלע ענינים צו אונזער סעקרעטאר א. פאלושאק.

**E. Paluszak, 64, Lauriston Rd., E.9.**

3. מיר בעטן אונזערע פריינט און ליבהאבער פונם יידישן ווארט זיי זאלן אונז העלפן אין צושיקן אדרעסן פון זייערע באקאנטע און פריינט, וועלכע קענען האבן אן אינטערעס פאר אונזער זשורנאל און אזוי ארום שטארקן אונזערע קולטורעלע ארבעט. איר קענט פארשטיין, אז ביי אונזערע לאקאלע באדינגונגען, האבן מיר נאך נישט דעם נויטיקן ארמיניסטראטיוון און טעכנישן אפאראט, וואס מען ברויך צום אויסבוי פאר אזא ליטעראריש חודש־זשורנאל „לשון און לעבן“, וואס האט זיך דורך די אלע שווערע מלחמה יארן מיט אזוי פיל הארעוואניע און מי איינגעווארצלט אין אונזער ארימען ישוב. און וואס האט געפונען א גוטן אפקלאנג אויך מחוץ ענגלאנד און מוז ווערן דער קנין און דאס גייסטיקע אייגנטום פונם יידיש־רעדנדיקן ענגלאנד.

די רעדאקציע.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

זיבנטער יארגאנג | אקטאבער 1946 לאנדאן | נומער 10 (העפט 81)

## עפעס איבער דער יידישער מיסטעריע

I

אפילו פאר אונז, וואס מיר זיינען שוין נישט מער אזוי ארוק אין די מצות מעשיות, ווערט אלע יאר ווידער אויפסניי בולט און קלאר. — מער נאך ווי אין אלע וואכעדיקע טעג פון א גאנץ יאר, — אז פון קולטור שאפונגען קאן א פאלק אויסבויען א שטארקע פעסטונג אין איר זיך צו קענען באשיצן; אז מיט הוילע הענט, נאר פולע מיט תפילות און פיוטים, קאן מען אן איינענע אטמאספערע ארום זיך אויסוועבן מיט טיפסטע און קלארסטע הימלען.

א פאלק, א נע־ונד׳ס. אן א פיצעלע ערד אונטער די פיס. — נישט נעאקערט און נישט געזייט, נישט געשניטן און די שייערן נישט אנגעפילט, — און קאן אויפטורמען אזא עלפאנטביינערנעם געביי, מיט זילבער בארעקטע פיליגרימען פון געלייטערטע און געלייטערטע סוף זומער טעג, פון טיף־פארשלייערטע אויפציטערנדיקע סוף זומער נעכט. איך ווייס נישט אויב וועלכעס אור־פאלק, מיט ערד אין נאטור פארבונדן, האט אזעלכע הערבסט־מיסטעריעס דערלעבעניש ווי אונזער פאלק אין די ימים־נוראים־וואכן.

איך ווייס נישט אויב די „נשים המבכות את התמוז“. וועלכע האבן מסתמא באוויינט דעם אוועקגייענדיקן זומער, פון וועלכע דער נביא יחזקאל רעדט שוין ווי פון א לעגענדע, האבן מער טרערן פארגאסן ווי אונזערע ווייבער אין די ווייבער שולן.

און ווי מעכאניש קינצלעך איז שוין דאס פיל לעבעדיקע פאן־פייפל, — פאר טויזנטער יארן צוריק שוין, — קיינן אונזער פרימיטיוון שופר, נאך פון היינט צו טאג און צי קאן מען נאך איבערהויפט ריידן פון א מיסטעריע, ביי דעם נאקעטן פרימיטיוון ליבע געפיל פון פאן, ווען מיר קומען צו צום טאטע־און זון־קאמפלעקס, וואס דאס שטעלט דאך פאר מיט זיך דער עקדה־נסיון.

און ווערט דען נישט דאס ווייבלעכע הערא׳אישע, דאס העכסטע נקמה און נצחון־ליד, דער דבורה־געזאנג איבערן טויט פון סיסרא׳ן:

„דורכן פענצטער האט געקוקט און געיאמערט,  
דורך דער פארטקע, די מוטער פון סיסראן:  
וואס זאמט זיך זיין רייטוואגן צו קומען?  
וואס שפעטיקט זיך די טריט פון זיינע שפאנען?

די קלוגע פון אירע שררותטעם ענטפערן,
יאָ, זי אַליין גיט אָן ענטפער צו זיך:
פאַרוואָר, זיי געפינען זיי טיילן דעם רויב,
אַ מיידל, צוויי מיידלעך פאַר איטלעכן כאָן;
רויב פון פאַרבן פאַר סיסראָן,
רויב פון פאַרבן געשטיקטע,
פאַרבשטריקעריין פאַר רויבנעמערס האַלדז.
(שופטים ה', יהואש איבערזעצונג)

און דוקא מיט דער סאַטירישער שטאָל פון פּאַטעטישן הימנען, — וואו דבורה לאַכט אויס סיסראָ'ס מוטער, ווען זי וועט בחנם אַפּוואַרטן איר טויטן זונס אהיימקומען מיט נצחון,—מיט אַריינגעצויגן אין דער שופר־מיסטעריע; דורך דער אַסאָציאַציע פונם איינציק וואָרט „ותיבב" — „געיאָמערט", לערנען די חכמי התלמוד אַרויס די פאָרעם און די טאַקטן־צאָל פון דער „תרועה"

און ווי סודותדיק און ווי געוואַלטיק ווערט ערשט די וואונדערלעכע אַסאָציאַציע־פאַרבינדונג, ווען די מאַמעס אונזערע וויינען נאָך איצט אַרויס מיטן זעלבן געיאָמער, פון די ווייבער־שול־פענסטערלעך — — —

קענגאיבער אַזעלכע רימעניזיעס פון מיסטעריעס, ווער ווייסט נאָך דעם אונטערשייד פון נקמה און נגאָה, פון נצחון און רחמנות — —

נישט דער נאַקעט־שלאַנקער יינגלישער פאַן שטייט אויף די אַקאַרשט נעקאַסעטע פעלדער, צווישן די דורכזעעוודיקע לײַדיקע צווייגן, באַהאַנגען אין אויפגייענדיקע נעפלען, ווי אין געפלאָכטענע נעצן, און אין זיינע תאוה'דיקע געוועלבטע ליפּן דאָס קונציקע פייפל, וואָס לאַכט און ציט און מאַכט אומזיכער און שוואַך יעדעם האַרץ, עס נעפאַנגען צו נעמען; די נשמה אַרויסצוציען מיט זיינע זיסלעך נאַנגריקע מעלאָדיעס, ווען די הימלען הענגען אַזוי נידריק, די נאַקעט־פאַרבענקטע הענט נאָר צו זיי אויפצושטרעקן.

אין די הימליש באַלאָרענע שווערע טעג, ווען „אַ פיש אין וואַסער ציטערט"! ברויך מען נאָר דעם שופר צוצוליינען צו די ליפּן און גאָט צבאות אַליין גורערט אַראָפּ דעמאָלט פון זיין משפט־שטול, זיך צו זעצן אויפן שטול פון רחמים: די גאַנצע וועלט שוין אין אַלע מענטשן צו באַפרייען.

די לירישע פאַרנאַכט־שטימונג מיט די שטייגערדיקע און שטייגנדיקע „כל־נדרי"־טענער און „יעלה"־געשרייען פאַר יעטווידן וויאַנענדיקן בלעטעלע „תעלה ארוכה לעלה נדף"; ווי אַנדעריש ווערט די בין־השמשות־שטימונג אין דער „נעילה"־שעה, מיט שטילן געבעט „כי פנה יום". ווען דער טאָג פאַרגייט — יעדער ניואַנס פונם הימל ווערט דערבליקט און דורכגעפאָרשט ווי לאַנג ס'איז צו דער „תקיעה־גדולה". און נישט נאָר דער קאַבאַליסטיש און מיסטיקער, דער מינדעסטער פונם פאָלק דערגרייכט דעמאָלט, — אין דער וואַרטנדיקער בין־השמשות שעה; הונגעריק, שלאַכצנדיק־בענקענדיק—„כי פנה יום". מיט דעם עפּיש־באַלאַדעסקן עבודה־סטיל, וואָס דערגרייכט אין זיין קלי־



מאַקס צו דער טראַגיק פון די „עשרה הרוגי מלכות". אַרבעט מען זיך אַדורך מיט דעם סאַרקאַסטיש סאַטירישן „מפטיר־יונה". די גענייאַלסטע בוראַלעסקע אין דער וועלט ליטעראַטור! — צום העכסטן עטישן הומאַנישן (אויב מיר קאָנען נאָך איבערהויפּט דאָס אַפּגעבליאַקעוועטע וואָרט געברויכן...) צו טיפסטן ליבע און נאַטור געפיל, צום לאַגישן מחילה־און חס־וויין געפיל (דאָס וואָרט חס־וויין איז פיל מענטשלעכער ריינער ווי דאָס סענטימענטאַלע רחמנות געפיל) און דאָס אַלץ איבער איין זון־פאַרברענטן, איבער איין פאַרוויאַנעטן בלאַט פונם „קקיון־דיונה"־בוים.

און דאָס אַלץ גייט שפּעטער איבער אין גאַנג פון די וואַכיק־גרויע, סוף־זומער טעג, אין דעם פאַלקסטימלעכן געמיטלעכן „אַף ברי", אין דער מאָנאָטאָנער איבּיקער „מאי קא משמע לן דער רעגן"־מעלאָדיע — —

און ווען מען דערמאָנט זיך אין די שמחת־תורה טענץ, אין דערהיים, אין די יידישע שטעדטלעך! קענן דעם קינדלעך באַגייסטערטן און חרוודיק באַגייסטיקטן הקפות־גיין אין די שולן און בתי־מדרשים זיינען דאָך די מיטאָלאָגישע באַקכוס וואַקכאַנאַליעס, אין די סוף זומער וויינגערטנער פון עליזיום, נאָר עפּעס פאַרשטעלטע קינדער שפּילן, שרעקלעך לאַנגווייליקע קאַרנאַוואַלן.

דער פינף וואַכיקער מיסטעריע־אויפבוי, אָנגעהויבן פון דעם ערשט־סליחהדיקן הארבסטיק־אומעטיקן „לך אדני הצדקה"־שטימונג, ביז צום קלימאַקס פון דער קהלת־רעזיגנאַציע; די פערוויאַנען־און פערגיי שטימונגען, די פרישע ווינטן קאַלטלעך ציענדיקע; דאָס גרוילעך פילאָזאָפישע, דאָס פאַרהוילענע און פאַרנעפּעלטע — דער אויפבוי אַליין איז שוין גייסטיקע שעפּעריישקייט פון אַ געניאַל־פאָלק. דאָס אַליין נאָר באַגרייפנדיק, פאַלן שוין אוועק אַ סך קשיות, פאַרוואָס מיר עקזיסטירן, און וואו האָבן מיר גענומען די כוחות צו עקזיסטירן און צו האָבן מיר נאָך בכלל כוח צו עקזיסטירן.

צוויי טויזנט יאָר איז אַ שטיקעלע באַוויז — די ערד־און נאַטור פאַרבונדענע פעלקער האָבן עס אַלענפאַלס נאָך נישט באַוויזן! און דער אויסגעשטאַנענער, אויף לייב און לעבן איבערגעטראָגענעם נסיון, — און ערשט מיטן טויט פון זעקס מיליאָנען אים צו קענען נובר זיין! — איז שוין דאָכט זיך מער ווי דער בולטסטער באַוויז.

II

עס איז דער גייסטיק־שעפּערישער כוח, וועלכער איז שטאַרקער פון יעדער פיזישער און מעכאַניזירטער מאַכט. וואָס גיט אונז דעם דור־דורותדיק אויסדויער אַלצדינג איבערצוטראָגן, די גרוילעכע יסורים שוין און די ביטערסטע ענטוישונגען. און ווען אפילו אויף לעצטן שטאַפּל שוין שטיינגעבליבן, האַלטן מיר אויס מיט אַלע אונזערע מיליאָנען — מיט די פאַרטיליקטע און מיט די לעבן־געבליבענע.

זאָלן מיר אפילו אויף איין רגע וועלן אָננעמען און זאָגן: מיר, די איבערגעבליבענע פונקט אַזוי ווי מיר האָבן נישט טיף דערפילט די מורא'דיקע האַרבקייט פון אונזערע פאַרשניטענע, פונקט אַזוי פילן מיר אויך נישט די אומ־

ענדלעכע מאַכט פון אונזער דורותדיקייט — די אינערציע האַלט אונז נאָך אויף. די אינערציע בלויז פירט אונז נאָך אויף די אַלטע פאַרגאַנגענע וועגן... גוט, זאָלן מיר, אפילו אָננעמען אַזוי!

אָבער איז דען נישט דער כוח פון אינערציע, וואָס האַלט צוזאַם אינם קאָסמאָס די גלגלים אַלע און די שטערן און באַוועגט זיי אין זייער אייביקן גאַנג? דער וויַיטסטער און קאַלטסטער פּאָלאַר־שטערן, אינם צפונדיקן ווינקל, איז נאָך פינקלדיק צעלויכטן און רגעדיק פינקטלעך אין זיין פירנדיקן, אין זיין תהומות־שטורמדיקן און פעלזן־פעסטן וועג.

דאָס שווער געפּרואווטע און עומד־בנסיונדיקע סאָוויעטישע יידנטום איז פאַרקניפּט און געבונדן מיט אונז אינם גלויבן פון אונזער נצחדיקייט; זייער ראש־השנה באַגריסונג צו די יידן אין אַלע לענדער איז אַן אויסגעשריי אין כאָר מיט אַלע אונזערע מיליאָנען:

„חי וקים נורא ומרום וקדוש“!

און יענע יונגע מענטשן פון די קעמפּס, פון די שיפּער־אויוונס אַראָפּ, פון די פאַרשיטע קברים לעבנדיק אַרויס, וואַרפן זיי זיך נישט, — טויזנט יאָריקע נחשון בן עמינדב'ס! — ימים איבער צו שווימען מיטן ערשטן פערז נאָך פון אָט דעם דערמאָנטן שטיקל פיוט:

„ימליך אדני לעולם אלהיך ציון לדור ודור הללויה“!

אַז ווי אַזוי וועלן מיר קאָנען מאַכן פון שווערדן אַקעראייזנס, אַז זיי וועלן אונז נישט צולאָזן צו דער ערד! אַזוי, מסתמא, טראַכטן זיך די פעלקער וועלכע לעבן פון דער שווערד. אָבער דעם בלאַנקן אידעלעם און דעם טיפן נעבראַכענעם קלאַנג פון די אויסגעשליפענע אַראַבישע שווערד־טענץ הערט זיך אין די קלינגנדיקע מעלאָדיעס פון די שפּאַנישע ימים־נוראים־תפילות; און דער געדעמפּטער ווידער קול פון די וויַיטע אייראָפּעאישע פּוסטעס, — אַ דער סמוטנער זיך בעטנדיקער „יוהאַז“! — אין אַ האַרבסטיקן פריי־מאָרגן הערט זיך, מיט די זילבער־גלעקעלעך פון די „מעלה־ניזהדיקע סטאַדעס, אין אונזערע אשכנזישע ימים־נוראים נגונים.

און תפלות און פיוטים. ווען זיי פטרן זיך אָפּ מיטן פערזענלעכן, מיטן אַבערגלויבישן, ווערט עס די גרויסע תפילה פאַר אַלע מענטשן, פאַר יעטווידן מינדסטן באַשעפעניש — — —

וואָרים קאָן מען דען עפּעס אַנדערש נאָך אויסקלערן פאַר אונז יידן ווי גאַז־אויוונס און קרעמאַטאָריומס? די אַטאָם־באָמבע איז דאָך שוין פאַר אַלע מענטשן... „חי וקים נורא ומרום וקדוש“!

ווי אַרום יענער ערשטער אַרכימעדישער הויב־מאַשין ס'דרייען זיך אַרום די אַלע ראָד און רעדלעך מאַשינעריעס, דרייען זיך אַרום דעם רעדעלע ערד, זי צו דערהויבן, אונזערע תפילות.

יאָ, פון די ערשטע נריכישע „אַטאָם־פילאָזאָפן“ וויינען געוואָרן די „ציניקער“; דער תולה ארץ על בלימה“ קאָן אויפגעריסן ווערן — — —

„חי וקים ונורא ומרום וקדוש“!



ווי האָט מען זיי תופס געווען, און זיך כולל געווען, מיט תפילות און יוצרות און פיוטים און מיט יללות־מעלאָדיעס. די הימליש באַלאַדענע הערבסטטעג און די ערד מיט איר שפע שיינקייט און מיט פאַרנעפּלט פרימאָרגנדיקע סליחות שטימונגען, וועלכע טראָגן אין זיך שוין דעם הויך פון פאַרגיי — אַ, די נרויע סמוטנעדיקייט, דאָס אויפציטערן פונם שווערן געמיט — —

זאָלן מיר אפילו אָננעמען, אַז די קומנדיקע דורות וועלן שוין נישט אָנפילן די שילן, וועלן שוין נישט פּעאיק זיין די מיסטעריע־אַטמאָספערע פון זיך אַרויסצושוועבן; גוט זאָלן מיר אפילו אַזוי וועלן אָננעמען! אָבער דערמיט איז דער נצחדיקער גלויבן אונזערער, דער גלויבן אין דער יידיש־שעפערישער עקזיסטענץ נאָך לגמרי נישט דערשיטערט; ווי מאַנכע ציניקער אונזערע דאַכט זיך אין פלוג אויס.

וואָרים אויב דער פאַן פאַר דער ימים־נוראים מיסטעריע איז דער נסיון פון דער עקדה; דער בלויזער נסיון, דאָס בלויזע אָפּקומען מיט שרעק | וואָסער געוואַלטיקער יידישע מיסטעריע וועט דאָס אויפגעבויט ווערן פון די לעצטע זעקס שחיטה־יאָרן, וועלכע זיינען שוין גאָר לגמרי נישט געווען קיין בלויזער נסיון און אַ בלויזער שרעק אָפּקומעניש. — נישט קיין זעקס מיליאָן הערנער פאַרפּלאָנטערטע שעפסן אין די פאַרצווייגטע קושאַקעס האָבן זיך באַוויזן! מיר זעקס מיליאָנען פאַרפּלאָנטערטע און שטעכעדיקע דראָטן אין די גאַז־קאַמערן — — —. וואָסער געוואַלדיקער פאַן פאַר יידישער רעאַליטעט!

דער שעפערישער גייסטיקער כוח, וועלכער וועט זיך צעוואַקסן פון אַזעלכע רעאַליטעט־דימענזיעס, איז ער דען נאָך אָנגעוויזן, אפילו, אויף צערעמאָניעס און קולטישע האַנדלונגען? און צי קאָן מען זיך דען נאָך איבערהויפּט אויסמאָלן, אַ וועלכן עס איז מאָנומענטאַלן עבודה צערעמאָניאַל, אַז ער זאָל קאָנען זיין אַדעקוואַט צו אַ העקאַטאָמבן בראַנד־אָפּפער פון מיליאָנען מענטשלעכע לייבער, אויפגעגאַנגען מיט שייטער־אויוון־פלאַמען און קרעמאַטאָריום־רויכן?

יאָ, עס זיינען נייע מיסטעריעס, שווער באַלאַדענע הימלען מיט אויפנייענדיקע נעפּלען! אָבער, ווי גרויזאַם אַן „אל נקמות“ זאָל נישט זיין, קאָן דאָס שוין נישט מער זיין פאַר אים קיין „ריח ניחוח“. און פאַר אונז — נישט מער מיט בלויזע ליפּן אַ שעפּטשענדיקער „יהי רצון“ — — —

אָ, אונזער לעבן איז נישט מער אַ נמשל פאַר עפּעס אַ פיינעם משל „כחרס הנשבר“, אָדער „וכענן כלה“ — מיר גופא וויינען די צעבראָכענע שאַרבנס. מיר גופא זיינען די אויפגעגאַנגענע רויך־וואָלקנס! און „למשל ולשנינה וועלן מיר באמת זיין, ווען מיר וועלן נישט קענען, אָדער מיר וועלן נישט וועלן אויפגיין און איבערגעשאַפן ווערן אין אַ נאָך באַרטיפּטערע מיסטעריע; אין אַ גייסטיקע שעפערישע, וואו דאָס אָריענטאַליש סודותדיקע, גמטריתדיקע, ווערט שוין אָקסידענטאַליש־חושימדיק. געאָמעטריש פיזיש מיט די פינגער אָנצוטאַפּן.

און די נביאיש־נויטיקע אַמאַציאַציע־ווערטער ווי האָבן מיר זיי שוין

נענוג אפילו אין אונזערע גייסטלעכע און גייסטיקע שאפונגען אינם לעצטן יאר טויזנט! און צי מוזן מיר זיי ערשט דווקא זוכן אין ראשי־תיבות פון זוהר און רש"י הקדוש, ביים בית יוסף און אר"י הקדוש צי ביים גאון, ביי א בש"ט הקדוש — ביי ביאליקן, ביי פרצן וואסער אסאציאציעס האבן מיר שוין פאר אונזער אויסגעגאסענעם „צער און צארן", פאר אונזער דערהויבענעם „אויב נישט נאך העכער — — —

אזא גייסטיקער כוח, צעוואקסן פון אזא שרעקלעך־גוואלטיקער רעאליטעט, שעפעריש געפארעמט, האלט צוזאם א פאלק, ווי אן עמוד האש אין דער פינסטערער וויסטעניש, ווי אן עמוד הענן, וואס פירט דעם פארבלאנדזשעטן שוין אויפן ריכטיקן וועג.

## אברהם פנחס ציקערט

## לשנה טובה תכתבו

(געווידמעט די טשעכאסלאוואקישע קינדער אינם יידישן שעלטער)

לשנה טובה תכתבו,
איבער בערג און איבער ימ'ען
אויף דער גאנצער וועלט צעווארפן
און דאך — לעבן מיר צוזאמען!
וועלן פעלקער זיך אויסראטן,
ס'וועלן נאר צוויי יידן בלייבן,
וועט מען זיך פון נאנטן ווינטשן,
און פון וויטן וועט מען שרייבן:
לשנה טובה תכתבו.
גלייך ווי אין דער אלטער היים,
ווידער האפנונג וועט אויפבליען,
ווען ס'קומט ס'נייע יאר צו גיין.
ס'אלטע, ס'שלעכטע וועט פארשווינדן,
ס'הויבט זיך הויך די פרייהייטס פאן,
יוננט נייט דעם ליכט אקעגן,
ס'קומט פון ווייט, דער רוף שוין אן:
לשנה טובה תכתבו.
ס'הילכט אין וועקט אלץ פונדאסניי,
נישט בלויז ווערטער, נאר אין אמת
מאקע שוין צו ווערן פריי.
אייגן אויסצובויען ס'לעבן,
ניישט צו נעמען עס ביי קיינעם,
אזוי גייען מיר צום שאפן!
רופט זשע אלע אויס אינאיינעם:
לשנה טובה תכתבו



## נחום שטענצל

## בגדנו גזלנו — דברנו דופי...

(יום כפורדיקע רעיונות)

אז מ'פילט זיך שולדיק, מ'האט יענעם פארראטן און באגזלט, איז דער סוף: דברנו דופי — ליידיקע, פוסטע רייד; כבדי צו פארדעקן א מיאוסע האנדלונג, האט מען נישט קיין אנדערן מיטל ווי באנוצן זיך מיט הוילע, ווערטער און פראזן. און דאס איז אפשר די גרעסטע זינד וואס די מענטשלעכע בריה קען באגיין; ווייל דאס ווארט איז דאס געטלעכע געשאנק פארן מענטש.

דערפאר קלאפן מיר זיך יום כפור אין הארצן: אשמנו, בגדנו, גזלנו — דברנו דופי....

* * *

דער פראסטער חי־וקים, ער ווייסט נישט פון קיין קונצשטיקלעך. דאס ווארט זיינס איז אן אויספלוס פון זיין פנימיות; ער רעדט זיך פון הארץ אראפ, אדער רעדט ער זיך די גאל אויס; ער האט א פול מויל מיט זאפט; ער גיסט אויס זיין הארץ; ער זאגט יענעם אריין אינם טאטנס־טאטן — אפט שילט ער; אבער זעלטן ווען זיינע רייד ליידיק. ער קען נישט די „מלאכה" פון באפוצן ווערטער, פון די „זיסע ריידעלעך", שיינע, הוילע פראזן, פול מיט פאלשקייט און ביטריקייט.

* * *

„א פאטש פארגייט און א ווארט באשטייט" — זאגט א יידיש פאלקסווארט. ווי אמתדיק עס איז דאס דאזיקע ווארט ווייסן מיר שוין היינט, ווען אזעלכע דערפינדונגען ווי טעלעפאן, גראמאפאן און ראדיא ווייזן אונז אז דאס קול טראגט זיך איבער אין דער לופט לויטן זעלבן געזעץ ווי די וועלן אויפן וואסער, וועלכע גייען „מסוף עולם ועד סופו".

דאס ווארט איז דאך דער מענטשלעכער אטעם, וואס ווערט ארויסגעאטעמט אינם חלל פון דעם אוניווערס; דער אויסגום פון דער „נשמה אשר נפחת באפינו"; דאס איז דאך לעולם דער טייטש פון „נשמה": — אריינגעאטעמט — בנשימה אחת... און ווען דער מענטש אטעמט צוריק ארויס אינם חלל דאס ווארט, קומט עס דאך פון אט דער נשמה; אז דאס ווארט ווערט הויל ביים מענטש, הייסט עס, אז זיין פנימיות, די סאמע נשמה, איז אויסגעהוילט.

דערפאר איז טאקע נישט פארהאנען קיין גרעסערער חטא, ווי דאס פאלשע ווארט, דאס הוילע, וואס קארופטירט דאס פנימיות פונם מענטשן, זיין נשמה; „החיים והמות ביד הלשון" איז נישט קיין הוילע פראזע, ווייל דאס לשון אונזערס איז דאך דאס וואס צייכנט אויס דעם מענטשלעכן מין פון דער גאנצער בריאה.

ווי נרוים עס איז דאָס חשיבות פונם וואָרט קענען מיר זען פון דער צאָל על חטא'ס אין די יום־כפורדיקע תפילות וואָס האָבן צו טון מיטן וואָרט: „על חטא שחטאנו לפניך בבטוי שפתים; בדבור פה; בודוי פה; בטפשות פה; בטומאת שפתים; בכחש ובכזב; בלשון הרע; בלצון; בשיח שפתותינו; ברכילות; בשבועת שוא".

* * *

די צייט אין וועלכער מיר לעבן איז דאָך די עפּאָכע פון טעכניק און מעכאַניק; ווי אין אַ טיפן זומפּ, פון וועלכן מ'קען נישט מער אַרויס ווען מ'שטעקט נאָר אַריין אַ פוס, אַזוי ווערן אין איר וואָס אַ מאָל אַריינגעצויגן מער און מער אוצרות פון מענטשלעכער דערגרייכונג; נישט פאַרהאַנען קיין זאַך וואָס קען אַנטרינען. וואָס איז דען נישט אַלץ מעכאַניזירט געוואָרן? אפילו די איידלסטע מענטשלעכע געפילן זענען דאָך אויך האַלוואַודיש טעכניזירט און מעכאַניזירט געוואָרן אין אונזער 20־סטן יאָרהונדערט.

צווישן די אומצאָליקע קרבנות פון דער טעכנישער און מעכאַנישער עפּאָכע געפינט זיך אויך דאָס וואָרט, סיי דאָס גערעדטע, סיי דאָס געדרוקטע. די שענסטע ווערטער. זענען נישט מער ווי אַ טעכנישער אינסטרומענט, דעמאַגאָגיש אַפּצונאַרן מענטשן און פעלקער; ווי הויך־קלינגנדיק איז למשל, אַזאַ „אַטלאַנטיק טשאַרטער" מיט זיינע 4 „פרייהייטן" — און ווי הויל הילכן זיי אָפּ אין דער נאַרער וועלט מיט זייערע ליידיקע, נאַרנישט־מיינענדיקע ווערטער; טאַקע דערפאַר ווייל באַלד ביים אויפשרייבן ווי האָבן די מחברים פון די דאַזיקע לוחות אין זינען געהאַט, בשעת מעשה, דעם „עגל הזהב", דאָס גאָלדענע מאַמאָט־קאַלב, וואָס רעגירט די דעמאָקראַציעס אויף ביידע זייטן פונם אָקעאַן. ניין, דאָס וואָרט, וואָס איז געטלעך, לאָזט זיך דאָך נישט פעלשן.

עגל הזהב'דיקע לוחות מוזן פריער אָדער שפּעטער צעבראָכן ווערן — און וואָס עס בלייבט דערפון איבער זענען נישט מער ווי שאַרבן...

ס'איז שוין אַזוי ווייט דערגאַנגען אין אונזער עפּאָכע פון טעכניק און מעכאַניק אַז ווען מענטשן רעדן פונם „וואַניקן וואָרט" איז דאָס דאָזיקע וואָרט גופא אַ מעכאַניש מעלה־נירהריק געבאַבלעכץ.

* * *

ס'זענען אָבער דאָך נאָך פאַראַנען אמתדיקע גלויביקע מענטשן אין דער וועלט, ביי וועמען דאָס וואָרט איז אויסגעאָטעמטע נשמה; אַ רגאַק זיי וואַקלט זיך נאָך די וועלט אונזערע אין גלייכגעוויכט.

ביי זיי, איז אפילו דער „רבונו רופּי", מיט וועלכן זיי קלאַפּן זיך אין האַרצן נישט קיין פּוסטע ליידיקע ווערטער, נאָר גלויביק און וואַגיק צוזאַמען.

ס'וועגרט זיך זער אסך, — דער גורל פון דער מענטשהייט — צו זייער ברומעריק־שעפּטשעדיק קול און שטילער קלאַפּ אינם האַרצן וועט דערהערט ווערן אינם מאַרערנעם געפּילדער און דעם מעכאַנישן געקלאַפּ פון די מאַשינען.



משה עובר

## ווי זאַנגען מיינע טעג

(פאַר דינה האַלפּערן)

ווי זאַנגען זיינען מיינע געוועזענע טעג,
אין וואָכן, חדשים און אין יאָרן געבונדן.
איינס ביי איינס זיי זאַמלען איך פלעג,
זייערע זיסע זאַפטן, רפואות פאַר וואונדן.

האָבן די ליכטיקע קערנער אין זייערע טונקעלע שאָלן,
מיט טויזנטער אויערן געהאָרכט צו איך קום זיי אויסלייזן,
צו איך קום זיי דרעשן, צי איך קום זיי מאָלן,
מיט זאַפט פון זייער האַרץ דעם בן אדם צו שפּייזן.

מיין עדות איז גאָט, מיינע מחשבות ער ווייס,
ער האָט דאָך אין מיין האַרץ געזעכטיקט און געטאָגט.
אַז איך האָב תמיד די זאַנגען געמוטיקט און געטרייסט
און זיי האָבן געגלויבט אין וואָס איך האָב זיי געזאָגט.

— איך קום צוריק, צוריק צו אייך, יאָרן, חדשים און וואָכן, —
אָבער פון זיי, ווי! זיך אוועקגערוקט אַלץ ווייטער,
און ווען איך דערמאָן זיך, וואָס איך האָב זיי פאַרשפּראָכן
פיל איך זינדיק ווי איך וואָלט געווען זייער טייטער.

און די זאַנגען וואַרפן זיך ווי שלאַנגען און בעטן
איך זאָל זיי איינזאַמלען אין מיינע שייערן,
איך זאָל זיי דרעשן, מאָלן און קנעטן,
און זיי אויסבאַקן אין מיינע פייערן.

צו וואָס אַזויפיל געפּרייט? צו וואָס אַזויפיל געליטן?
צי וואָס אַזוי צעאַקערט דאָס פּנים פון דער וועלט?
צו וואָס אַזוי פיל געזייט? אַזוי פיל געשניטן,
און לאָזן אַלעס פוילן אויפן פרייען פעלד.

ווי יום־כיפּור ליכט גאַנצע מעת־לעתן געברענט,
און מיט דער שין פון שדי שטיל תפילה געטון,
ניט אַראָפּגעלאָזט אונזערע בעטנדע הענט
ביז די לעצטע רגע'ס פון די נעילה שעהן.

וואַלקנס אין זיך אריינגעזויגן,
און מיטן קיטל פון שניי זיך צוגערעקט,
פאַר יעדן שטעקל זיך געבויגן,
פאַר יעדן מעסער דעם האַלז געשטרעקט.

מיר האָבן געלעכערט מיט די קעפ די ערד,
זיך געדראַפּעט צו הימלען נים אַפּעטיטן צו רייצן,
בלויז צו זיין אַ מאכל פאַר בהמות און פערד,
און די פייערן פון שנאה אונטערצוהייצן.

מיר זיינען נים באַשאַפן זיך אַרומצעוואַלגערן אונבאַגראָבן,
און צו ווערן געשליידערט פון יעדן ווילדן ווינט.
דער בורא האָט אונז געבויט צו טראָגן און האָבן.
מיטן ברויט פון לעבן צו דערקוויקן זיין קינד.

## הרב דוב ווארשאווסקי

# די וועלט פון אמאל היינט און שפעטער

(רעפלעקסן צו קהלת)

עס זיינען דאָ אַ סך צווישן די היינטוועלטיקע אויפגעקלערטע, וואָס ווייזן אַרויס אַ בטולדיקע באַציאונג צו קהלת. ווייס־איך־וואָס, זאָגן זיי. ווען „ער" איז יונג געווען האָט ער געזונגען שיר השירים, איבער אהבה, און ווען ער איז אַלט געוואָרן האָט ער זיך אַרומגעזען און געזאָגט, אַז אַלץ איז הבל הבלים...

די ראַזיקע „חכמים" וואָס זאָגן אַזוי, און מיינען נאַטירלעך, אַראָפּצו־קלאַפּן דעם ווערט פון קהלת, מוזן אפנים נישט וויסן, אַז די דאָזיגע ווערטער האָבן די חז"ל געזאָגט, און זיי ענטהאַלטן אין זיך די גאַנצע פילאָזאָפיע פון דער מענטשהיים. און ווירקלעך, נאָר אַ שלמה המלך, וועלכער איז געווען געקרוינט מיטן טיטול „חכם מכל אדם", וואָס איז געווען באַשאָנקען פון ג־ט מיט אַלע שבע חכמות פון דער וועלט; געוואוסט אַלע סודות פון דער בריאה און האָט אפילו פאַרשטאַנען די שפּראַך פון די חיות און עופות, — נאָר ער האָט געקענט: „אין דער יוגנט געזונגען שיר השירים אין די מיטעלע יאָרן געלערנט משלי און אויף די עלטערע יאָרן געזאָגט קהלת" — הכל הבל...

„דאָס לעבן איז דער בעסטער לערער", — זאָגט אַ פילאָזאָפיי'ש פאָלקס־ווערטל. אָבער נישט אַלע מענטשן זיינען בכוח צו לערנען פון לעבן און בפרט נאָך איבערצוגעבן זייערע ערפאַרונגען צו אַנדערע. מען קען אָפּלעבן 80 יאָר



און שטאַרבן אַ נאַר. שלמה המלך האָט גענאָסן און גענומען פון לעבן מיט דער פולער האַנט (וכל אשר שאלו עיני לא אצלתי מהם), אָבער נישט לשם פּשוטער הנאה און תאוה, — נאָר כדי צו לערנען; כדי אַריינצודרינגען אין אַלע פּסיכאָלאָגישע פאַרבאָרגענע קעמערלעך פון לעבן (אשר אראה איזה טוב לבני האדם), צו פאַרשן און צו פאַרשטיין, צו צוקומען צום „בן ארבעים לבינה" און דאַן צו לערנען אַנדערע — „בן חמשים לעצה".

אין ליכט פון קהלת איז מיר אויך קלאָר געוואָרן אַ חז"ל, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען אָדער נישט געוואָלט פאַרשטיין און געמיינט: „בנין נערים סתירה, סתירת זקנים בנין". — דאָס בויאונג פון יונגע איז צע־שטערונג און דאָס צעשטערונג פון אַלטע איז בויאונג...

אין כל חדש תחת השמש. — נישטאָ קיין נייס אויף דער וועלט; אַלץ וואָס עס קומט פאָר און וואָס עס וועט פאָרקומען איז שוין געווען. אַלץ וואָס דער נייער דור, דער יונגער מענטש, דער „בן עשרים לרדוף" און דער „בן שלשים לכח" איז בטבע גענויגט צו בויען, צו שאַפן און צו באַווייזן וואונדער און נייסן, איז איינגטלעך נאָר קיין נייס נישט. דער עלטערער דור האָט אויך דעם זעלבן פּראָצעס אַדורכגעמאַכט. און ווער נאָך מער. קען זיך באַרימען, האָט דורכגעמאַכט אַזויפיל אין לעבן ווי שלמה המלך, וועלכער האָט געבוים הייזער געפּלאַנצט גערטנער געזאַמלט אוצרות א.א.וו. (כי מה האדם שיבוא אחרי המלך את אשר כבר עשהו), און שלמה המלך זאָגט אונז, עס איז אַלעס הבל הבלים ורעות רוח — אַ פוסטער ווינט...

די יוגנט מיט איר ברויזנדער און יאָגנדיקער קראַפט און כוח, איז ווי די כוואַליע פון ים, וואָס לויפט מיט אימפּעט און שטורם און מיינט זי וועט וועלטן איבערקערן אָבער צום סוף ווערט זי צעשטויבן אויף פּיצלעך אָן די שטיינער פון ברעג. איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ שוימיקן פאַרדרוס און כעס... דאַן קומט אַ צווייטע און דריטע און אַנדערע כוואַליעס, וועלכע טראַכטן, אַז זיי וועט געלינגען בעסער ווי דער ערשטער. אָבער דער זעלבער גורל נעמט אַלעמען איבער. אַדור נאָך אַ דור קומט און גייט און אַלע חזרן איבערן איינם און דאָס זעלבע קיינער לערנט נישט פון צווייטן. ס'ווייזט אויס אַז ס'זיינען נישטאָ די בעלי בינה, די בעלי עצה, וואָס זאָלן די אומפּולסיווע יונגע כחות דעם ריכטיקן וועג אין לעבן אָנווייזן; וואָס זאָלן אָנציינגן, אויף דער סכנה, אַז אויף דעם אָרט איז אַ קעסל־גרוב, וועלכע האָט שוין פיל איינגעשלונגען אין איר פאַרכישופטן ראָד...! — און די נישט ערפאַרענע אין לעבן ווערן דערטרונקען; דער גאַנצער בנין פון די יונגע ווערט צעשטערט, איבערלאָזנדיק הינטער זיך ענטוישונג און פאַרדרוס. אַלע און אַלעס דרייט זיך אין אַ קאַראַ־האָד און מען הויבט אָן צוריק פון „בראשית ברא אלקים"...

דור הולך ודור בא, — אָבער די ערד, די בריאה שטייט נאָך אַלץ ווי אַ פאַרשלאָסענער ספינקס נישט גערירט פון אָרט. עס קרייזט די זון, עס בלאָזט דער ווינט, עס שוימט דער טייך און אַלע קומען צוריק צום זעלבן אָרט פון

וואנען זיי זיינען ארויס. דער ים ווערט קיינמאל נישט פול. און קען די געזעצן פון דער בריאה נישט איבערגיין — הארץ לעולם עומדת.

אין כל חדש תחת השמש. — עס קען אמאל עמעצן זיך אויסדאכטן, „אָ, זע, דאס איז אַ נייס!" — ניין, קיין נייסן געשען נישט אויף דער וועלט. שלמה המלך האט שוין לאנג געוואוסט פון אלע פארבארגענע כוחות און סודות אין דער נאטור. (בלויז שלמה'ס קרוין־שטול האט געהאט אין זיך אזויפיל טעכניק און קונסט ווי די גאנצע היינטיקע ציוויליזאציע)... אלץ איז באשאפן פון ששת ימי בראשית. דאס האבן מיר קליינע מענטשלעך נישט געוואוסט פון זייער עקזיסטענץ. דער מענטש באשאפט נישט, ער מאכט נישט קיין נייסן. יעדער דערפינדער ארבעט לויט די פון פריער באשטימטע פארמולעס; ער גיט מער נישט צו אַ שרייפעלע אין דער מאשין. ווי למשל, דער טאנק האט זיך אנטוויקלט פון טראקטאר א.א.וו. דער מענטש זוכט און נישטערט אזוי לאנג ביז ער געפינט אויס עפעס פון די סודות, וואו די אוצרות פון דער נאטור זיינען פארבארגן...

אָבער צי האט דער פייף פון לאקאמאטיוו, וועלכער האט איבערגעשניטן די שטילקייט פון מדבר און פון די ווילדע סטעפעס און האט פארשטערט די רו פון די חיות אין זייערע נארעס — געשטילט דעם ניינער פון דעם מענטש? האט דער עראפלאן, וועלכער שפילט זיך מיט די וואלקנס; דער ראדיא און די אלע אנדערע ערפינדונגען, האבן זיי עפעס באפרידיגט דער מענטשהייט? — ניין! — יוסיף דעת יוסיף מכאוב — זאגט שלמה המלך. וואס מער וויסן און קלוגשאפט, וואס מער ערפינדונגען, אלץ מער פארדרוס און ווייטיק האט מען. „אלעס איז באשאפן געווארן כדי צעפייניקן דעם מענטש". די אטאם־באמבע האט געגעבן דער וועלט אַ נייעם קאפּווייטאג און גרויסע זארג.

אָבער פארוואס מוז דאס אזוי זיין? זיינען שוין נישטאָ קיין מיטלען וואס זאלן דאס לעבן פארגרינגערן און פארשענערן? פארוואס מוז די יוגנט, וואס איז אזוי ערלעך און אונשולדיק, שטענדיק בלייבן ענטוישט און אפגע־נארט און פון אלע אירע בנינים און טרוימען ווערט אַ חורבן...? פארוואס...? אויב אונזער וועלט האט נישט קיין אמתע צדיקים (כי אדם אין צדיק בארץ), איז דאך על כל פנים דא דער „איינער פון טויזנט" (אדם אלף מאחד מצאתי). יעדער דור האט דאך זיין „אדם", געציילטע גרויסע מענטשן, וואס ווייזן אַן עפעס אַן אידעאל אין לעבן; יעדער איינער אויף זיין געביט טאפט אַן עפעס אשטיקל „אמת" — טאָ וואו קומען זיי אהין אַט די אלע שיטות און אידעען?

איז דער תירוץ, אז אלע שיטות און אידעען, האבן אַ שטיקל ווערט כל זמן זייער שעפער לעבט און באווירקט מיט זיין גייסט; כל זמן דער שופט האט געלעבט האבן די יידן געהאלטן דעם וועג, אָבער נאכדעם ווי דער שופט איז געשטארבן שטייט: „וישובו ויתמאו". ווייטער געזינדיקט. אלע בעסטע שיטות, אידעען ווי זיי קומען נאר אריין אין די הענט פון די סעקרעטארן, „איינגיקלעך", ביוראקראטן און סתם קליינע מענטשלעך, וואס קלאמערן זיך ארום אַ „פּיסל" פון אַ „קאמיטעט־בענקל", אזוי ווערן באלד אלע אידעען פאר־



חומר'ט, פארגעלט און שטארבן אַפּ צוזאמען מיט זייערע שעפער ן אויף דעם קלאנג טאקע שלמה המלך: „איך האב פיינט דאס לעבן מיט מיין גאנצער שאפונג. וואס איך וועל איבערלאזן פאר דעם וואס קומט נאך מיר, וועט ער זיין אַ חכם אָדער אַ טפש?" א.א.וו. גרויסקייט, גייסטיקייט, חכמה קען מען נישט איבערגעבן בירושה! און אזוי ארום ווערן אלע גייסטיקע זאכן אויפגע־געסן מיטן „קרן קימת" פון 'עולם הבא'... די חלה און פלייש ווערט פארצערט פון די מקורבים... און די „שריים", די ביינער טיילט מען דאס פאלק ארום די „טישן"... אויב דאס אלטווארג קען זיך נאך באנוגענען, — אָבער ביי דער יוגנט נייט אוים דאס חיות פון אזא מין נארונג; בלויז קרישקעס און ביינער...

ווי קען נוט זיין אויף דער וועלט, אז דער א ד ם, דער בעסערער מענטש, דער איינער פון טויזנט, איז זיין גאנץ לעבן אונטערגעווארפן גרויסע נסיונות און אטאקעס. ס'לויערט אויף אים די שלאנג, אפילו זיין איינענע „עזר־כנגדו", די חוה (איז אפילו איינע אין טויזנט אויך נישט קיין רעכטע, — ואשה בכל אלה לא מצאתי), אינטערעגירט קעגן אים. און אלע צוזאמען פארדארבן דעם גן־עדן התחתון פון אדם'ען און עסן אויף די פרות ווען נאך אפילו אומצייטיק. זיי פארניפטן דעם אדם און פארקירצן אים די יארן...

זינט דער מענטש האט גענעסן פון „עץ הדעת" און אויסגעפונען, אז ער איז נאקעט און ארעם האט ער פארלארן זיין מנוחה. ער קען קיינמאל נישט פארדעקן זיין שאנדע און קיינמאל נישט רייך ווערן. וואס מער ער עסט פון די פארבאטענע פרוכט, אלץ מער וואקסט און שטארקט זיך ביי אים דער אפעטיט און גלוסט. ער איז שטענדיק אין געיעג נאך זיין פארלארענעם גליק פון לעבן, נאך דעם „עץ החיים". וועלכן ער קען קיינמאל נישט געפינען.

וויפל דער מענטש זאל זיך נישט פליידן און צירן, שפירט ער אלץ זיין נאקעטקייט און שאנדע... אויך די בנינים, די אוצרות, די ערפינדונגען קענען אים נישט פארשפילן און זעטיקן; ווייל אלץ וואס ער שאפט איז נישט דער פראדוקט פון זיין „גוט־הארציקייט", ער מיינט נאר נישט די טובה פון דער מענטשהייט, זיין איינציגער באגער איז צו גרויסן זיך, צו נאכטון און פאר־שטעלן זיך, צו איבערשטייגן און אראפזעצן זיינע „פריינט" (כי כל כשרון המעשה היא קנאת איש מרעהו). דער מענטש ווערט צעפרעסן פון קנאה און שנאה...

דער אדם איז שטענדיג אין מורא (וגם בלילה לא שכב לבו), אפילו דער ארבעטער. וועלכן שלמה באזינגט אזוי שיין — מתוקה שנת העובד — ער שלאפט שוין היינט אויך נישט רוהיק... דער מענטש שרעקט זיך אפילו פאר זיין איינענעם שאטן אין זיין צושטערטן גן עדן. ער האט זיך באפאנצערט מיט שטאל און אייזן ווי אַ „מעכאנישער גולם" און וואו ער שטעלט זיין פוס רייסט און ברענט; עס רייסט אונטער די פיס, עס רייסט איבערן קאפ. — ער וואלט וועלן אנטלויפן פון זיין גיהנום'שן גן־עדן, ראטעווען זיך. אָבער אויך דאס קען ער נישט. מען האט ביי אים אויך די אילוזיע, צו טרייסטן זיך מיט

דער פאַלשער האָפענונג, אַז אפשר איז דאָרטן בעסער. איך צונערוויכט; ווייל פון אַלע עקן וועלט דערטראָגן זיך צו אים, אין איין מינוט, קרעכצן און זיפצן פון די נעפייניגטע (והנה דמעת העשוקים ואין להם מנחם...) אומעטום די זעלבע רשעות און אכזריותן וואָס פייניגט און מאַטערט. איז שוין נישט „בעסער די מתים און די וואָס זיינען אין גאַנצן נישט געבאָרן געוואָרן"? די וועלט איז פאַר דעם מענטש קליין געוואָרן. אין פאַרצווייפלונג, רייסט ער זיך, ווי דער דור הפלגה נאָכן מבול, צום הימל, צום מאַרס... אפשר וועט ער דאָרטן זיין אומרוהיקייט שטילן און זיין מנוחה געפינען. דער רעזולטאַט פון אַזאַ לעבן ווי די אדם'ס און חוה'ס פירן איז, אַז די קינדער קענען זיך נישט צוטיילן מיט דער וועלט ירושה און קין הרגט הבלען...

והאלקים עשה את האדם ישר והמה בקשו חשבונות רבים. — נאָט האָט דעם מענטש באַשאַפן מיט ישרות נאָר 'ער' זוכט חשבונות. אמת, נישטאָ קיין צדיקים אויף דער וועלט. אָבער מיט אַלע אירע חסרונות, וואָלט די מענטש־הייט, לכל הפחות, ריכטיק אָפּגעשאַצט איר ווערט. וואָלט נאָך געווען צו דער־ליידן. די צרה איז אָבער וואָס דער מענטש האָט זיך נאָך אָוועקגעשטעלט אין דער ראָלע פון אַ היפּער־„צדיק" און דאָס פירט אים צום אָפּגרונט (אַל תהי צדיק הרבה ואל תתחכם יותר למה תשומם). דאָס מאַכט זיך פאַר אַ „צדיק". זיין זשאַרזשירן און אימיטירן ווי אַ מאַלפּע האָט פון מענטש אָפּ־געטון דעם צלם־אלקים, ישרות, זיין עכטקייט און גראַדליניקייט און געמאַכט אים פאַר אַ קריפּל. אַלץ וואָס איז געמאַכט און נאָכגעמאַכט איז ש ק ר און צ ב י ע ו ת, וועלכעס איז דער הויפּט מקור פון אַלע צרות און אומגליקן; עס איז די איינגעשאַפט פון שלאַנג, כיטריקייט, וואָס פאַרטייעט זיך און בייסט.

דער לאַנגער צי דער קורצער „צדיק" קען קיינמאָל נישט טרעפן אין מיטל־פּונקט, אָדער ער איז אַריבער אָדער אַרונטער; ער איז שטענדיק זינדיק אויף דעם „לא תוסיפו", אָדער אויפן „ולא תגרעו"... ער ווייס קיינמאָל נישט וואו אין און וואו אויס. אין זיין ווילן אויספיינערן זיך פאַר אויג און פאַרן אויער, באַ'נזל'ט ער גאָט און מענטש. די גרויסע חשבונות פונם פּאָליטיקער האָבן אים פאַרפירט, ער האָט זיך פאַררעכנט און איבערגערעכנט. דער היפּער־צדיק, בעסער געזאָגט, דער צבועק רעאַגירט נישט מיט זיין האַרץ און געפיל, נאָר מיט חשבון. ער טוט אַלעס וואָס עס לוינט און צאָלט זיך אָפּ. דער היפּאָקריט האָט זיך אַזוי פאַרחשבונ'ט, אַז אַלעס קומט ביי אים אויס קאַפּויר, מיטן קאָפּ אַראָפּ. ער האָט פאַרלאָרן זיין מאָס און צייט. „לכל זמן"! דער צבועק אָבער ווייס נישט ווען עס איז עת לאהוב און ווען עת לשנוא; ווען עס איז עת מלחמה און ווען עס איז עת שלום. ער וויינט ווען מען דאַרף לאַכן און לאַכט ווען מען דאַרף וויינען...

למשל, ווען מען האָט געקענט און געמוזט ראַטעווען מיליאָנען יידן פון טויט האָט מען פאַרטושעט די סכנה, און היינט שרייט מען „ראַטעוועט" — וועמען? ווען „אַראַבער האָבן דער'הרג'עט (1936-38), אין קאַלט־בלוט, מער



ווי טויזנט יידן אין א"י (מר. קראָסמאַן), האָט מען געשריגן „שלום", היינט שרייט מען „מלחמה"—קעגן וועמען? ווען די צייט האָט געפאָדערט שטאַרקע אַקציעס, און ווען מיר האָבן זיך געקענט ערלויבן צופאַרלירן יידישע לעבנס, בעסער איידער אין די גאַז קאַמערן, — האָט מען אונטערדריקט דעם יידישן צער און צאָרן, ווי ס'זאָגט קראָסמאַן אין פּאַרלאַמענט, אַז „די הגנה און אַגענץ האָבן איבערגעגעבן מער ווי 1000 יידישע עקסטרעמיסטן צו דער פּאָליציי" (האַנסאַרד 1013, פּאַל. אינפ. בולעטין נ. 18, 19, 13-6 אויגוסט 1946), און היינט ווען מיר האָבן אַזוי ווייניג יידישע בלוט טרייבט מען יידישע לעבנס צום טויט פאַר אַ פאַרשפּילטער פּאָליטיק... די דייטשישע מערדער, וואָס מיר מוזן האַסן און פאַראַכטן רינגלען מיר אַרום (יידן די ערשטע...) מיט ליבע און ניבן צו פרעסן, און פּרעדיקן שנאה — צו וועמען...?

סוף דבר — כי את כל מעשה האלקים יבא במשפט על כל נעלם אם טוב ואם רע. קיין זאַך ווערט נישט געשענקט און נישט פאַרהוילן פון משפּט! זינט דעם מבול האָבן שקר און שלים־מזל אַ שידוך געשלאָסן; אַלץ וואָס דער שקר שאַפט און בויט ווערט צעפרעסן און צעשטערט פון שלים־מזל (מדרש). און אַזוי פירט זיך דאָס אין אונזער שקר־וועלטל. ביי יידן ווי ביי גויים, עס מישט זיך שטענדיג אַריין, ווי ביי דעם דור הפלגה, דער שלים־מזל און צעמישט די געדאַנקען און די שפּראַך, און מאַכט חרוב אַלע „עורבא פרח"־דיקע טורעמ'ס און שקרדיקע בנינים; דער מענטש שטראָפט זיך אַליין מיט זיינע שקרים (תיסרך רעתך)... דער „חרב המתהפכת", דער שווערד וואָס קוילערט זיך אין די נאַסן פון די רשעים'דיקע פירער שעכט אויך אויס אַלע אמתע צדיקים (מקרה אחד לצדיק ולרשע), על כל פנים זיינען דאָך די נאַאיווע אומשולדיק; און די יונגע קינדער זיינען געווים כשרה'ע נשמות און צדיקים...

ניין, מיר האָבן היינט נישט די זקנים, די בעלי הבנה און בעלי עצה. מיר זיינען אַלע געוואָרן אין דער בחינה פון יינגלעך. ווי יענער חושם, דער שוטה, וואָס האָט געטאַנצט בעת אַ שרפה און געלאָשן דעם רויך פון קוימען. אין ביידע פאַלן האָט ער באַקומען געריסן פאַר די אויערן. דער מקום המשפט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין מקום הרשע! אַנשטאָט די ענטדעקטע סודות פון דער בריאה זאָלן זיין אַ ברכה פאַר דער מענטשהייט, זיינען זיי געוואָרן אַ קללה. גיב פייער צו קינדער, — די חושם'ס שפּילן זיך אַזוי לאַנג מיטן פייער ביז עס רייסט אויף...

אָט דאָס איז אין קורצן דער סך־הכל פון קהלת. און דערגרייכט האָט שלמה המלך זיין מדרגה אין חכמה, צו קענען לערנען פון לעבן און איבערגעבן צו אַנדערע (בינה און עצה) ווייל ער האָט מסתמא אויך אַ דורכגעמאַכט דעם „בן חמש למקרא" און געלערנט משנה, תלמוד און אַזוי בסדר; ווייל ער האָט געהאַט אַ טאַטן דוד וואָס האָט מן הסתם געלערנט.... און ווייל דוד המלך האָט זיין גאַנצן לעבן געקעמפט און אויסגעריסן די צביעות און שקר פון זיין דור, האָט שלמה המלך'ס דור, אפילו גויים, געהאַט שלום און רו. און יידן האָבן

גענאָמען פון טעם גן עדן, „איש תחת גפנו ותחת תאנתו"; ווייל דער טאַטע דוד האָט פאַרזאָרגט, האָט שלמה דער זון, זיך געקענט חכמה'נען... אָבער שלמה המלך'ס חכמה אַליין אָן דעם קאַמף און מעשים פון דוד'ן האָט נישט געקענט באַוואָרענען דעם דור פון זיינע קינדער; שלמה'ס זון רחבעם, האָט געפאָלגט די עצה פון די נערים, יונגע, און פאַרלאָרן... מען מוז שטענדיק קעמפן, שטיין אויף דער וואַך ווייל די געפאַר איז שטענדיג גרויס און לויערט ווי דער שלאַנג. שלמה המלך גופא האָט טאַקע געהאַט דעם זעלבן סוף וואָס אדם הראשון — ויהי לעת זקנתו נשיו המו את לבבו (סנהדרין כ"א).

וואָס קענען שוין העלפן די אַלע שיטות, אידעען, ציוויליזאַציע און אפילו א ברעקעלע „יידישע מלוכה'לע". אויב דער „לא תשקר", „לא תלחץ" א.א.וו. העלפן נישט?! אז מען וויל דעם לא תרצח נישט לערנען און נישט פאַרשטיין וועט מען קיין זאַך נישט וועלן לערנען און האַלטן! עס וועט אזוי לאַנג זיין אַנטיסעמיטיזם, אזוי לאַנג ווי עס וועט בכלל הערשן קנאה, שנאה און היפּאָקריסטווא אין דער וועלט! אפילו ווען עס וועלן איבערבלייבן נאָר צוויי מענטשן אין דער וועלט וועט קין אַליץ הרגנען הבלען; ווי קען מען עפּעס טון פאַרן כלל פאָלק, אז מען דערדריקט און מען דערהרגט דעם יחיד?!

די מענטשהייט וועט נישט אויפהערן צו וואַרפן זיך אין קאָנוואולסיעס און וועט נישט אויפהערן צו זוכן און צו נישטערן אין די געהיימנישן פון דער נאַטור כדי צו פאַרשפּילן און צו פאַרטויבן איר יאָמער אין הארץ, ביז זי וועט נישט אויסגעפינען דעם לעצטן סוד פון דער בריאה. — ווען מען וועט דערגרונטעווען צום יסוד פון דער ערד וועט דאַן זיין דער סוף; די לעצטע דערפינדונג אָדער ענטדעקונג אין די הענט פון די חושם'ס וועט אויפרייסן דעם גאַנצן כדור הארץ...

...און די זון וועט שוין מער נישט קרייזן, דער ווינט וועט נישט בלאָזן, די טייכן וועלן נישט שווימען און דער ים וועט שוין דאַן פ ו ל זיין, ווי אין די טעג פון פאַר דער וועלט באַשאַפונג. — תוהו ובוהו — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

סיידן עס וועט א נס געשען און עס וועט זיך באַווייזן דער „חכם מכל אדם", וואָס וועט, — ווי שלמה המלך אַמאָל האָט באַצוואונגען די חיות און שלום געמאַכט צווישן וואָלף און שעפּס — אויך שלום מאַכן צווישן מענטש און מענטש און דאָס איז נאַטירלעך די תקופה פון משיח. אליהו הנביא דער קעמפער און צעשטערער, וואָס האָט צעשטערט די בנינים פון די נערים, פון די יונגע, ער האָט די מיסיע צו שלום מאַכן צווישן די זקנים און נערים. — והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם, — דער בנין וואָס וועט געבויט ווערן פון די זקנים און נערים צוגלייך וועט זיין שטאַרק און אייביק...



## א. נ. שטענצל

# א „תפילת זכה" באַלאַדע

אדורכגעוויקט שוין איז דאָס גאַנצע מחזור,
אָבער קיין וואָרט נישט אַרויסצובאַקומען;
עס וואַקלט דער שטענדער צוזאַמען מיט אים —
א ברעט אויף שטורעמדיקע כוואַליעס געשוואומען.

צעבראָכן איז די שיף, אַלע דערטרונקען.
און ער אויף ברעט, אין ווילדן ימיקן זידן;
עפּעס א ווייטער ברעג נישט צו דערשווימען —
הינטער אים די כוואַליעדיקע שול מיט יידן!

גרויליך־גרויע, ברונעוע האָריזאָנטן;
ווייטע, ווילדע ווינטן, וויכערן און ווייען.
טוט ער בלויז פון אָפּענעם מחזיר אַרויס,
זיינע טריפנדיקע בליקן נאָר אויסדרייען.

דאָס פאַרקוועטשטע פּנים, די צעקנייטשטע באָרד,
איינגעטונקען אין די גיסנדיקע טרערן;
פעסטער און בייזער בייסט ער די ליפּן,
אין דעם ים געברויז נישט דערטרינקען צו ווערן.

שוין הייבן זיך די שווערע הענט, די שטייפע,
איבער קאָפּ אַריבערצוואַרפן דעם טלית —
צונעפּאַלענע צו א זאַמדיקן ברעג,
מיט לעצטן אויפבריוז אויפשיימענדיקע כוואַליעס.

גראַדזשען צום הימל זיינע פויסטיקע הענט?
דערטאַפּן זיי נישט פונם טלית די עטרה?
שעפּטשען זיינע ליפּן א שטילע תפילה?
אָדער פאַרשעלטן זיי נאָר די וועלט, די נאַרע?

א פערהלשטן, מיטן „תפילת־זכאי",
האָט מען אים פונם עמוד אוועקגענומען:
„אָ, וואָלטסט דו נאָר געווען כולו כזת, נאָט. — — —"
האָט מען געהערט זיינע לעצטע ווערטער ברומען...

ניִשט גסיסה־בלעזלעך אויף זיינע ליפּן —
פֿון אַ כוואַליע ער איז פֿאַרגאָסן געוואָרן !
זיין מויל מיט ווערטער ער האָט אויפֿגעעפֿנט
אויסצוגיסן אויף גאָט זיין גרימיקן צאָרן — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

וואָלטן זיינע שטייפֿע, זיינע שווערע הענט
פֿונם שטענדער ניִשט געווען זיך אָפּגעריסן,
דאָס לעצטע גליטשיקע ברעט פֿעסטהאַלטנדיק,
זיינע ליפּן געהאַלטן שטייף און פֿאַרביסן,

מיט זיינע שוואַכע לעצטע כוחות
ביז צו אַ ברעג ער וואָלט געווען צוגעשוואומען,
און ווען ניִשט גאָט — מענטש געווען כולו זכאי !
און דערלייזן די וועלט, משיח וואָלט געקומען.

## דער „צאָן-קדשים“ קאַראַהאַר
(באַלאַדע)

פֿלאַקערט דער טאַניץ, דער בנלופֿינדיקער,
מיט הענט איבער אַקסלען געשלייפֿט און געפּלאַכטן,
מיט קעפּ פֿאַרוואָרפֿענע, אויגן פֿאַרגליווזטע,
אָפּגערשט פֿון אונטער מעסער אַפֿויער געשאָכטן.

און דער צעכאָרכלטער „אתה הראת“,
פֿון מיליאָנען העלרזער פֿאַרגאָזטע, דערשטיקטע,
אין זיבעטן הימל אַריין רייסט ער זיך,
מיט ספֿרי־תּורות צעריסענע צעפּליקטע.

און געען צו „אהרן הכהנ'ס הקפֿה“
„שלמה חנוך בן יחזקאל“ * אויפֿגערופֿן,
און ער האָט זיך מיט זיין אָפּגעהאַלטן קאָפּ,
אויף גיך באַהאַלטן צווישן די „למד וואַוו'ן“ :

אַז אויסגעקוילעט זייגען אַלע קינדער,
און אין גאַנצן שטעטל קיין איינס ניִשט געבליבן,
טאַ וואָס מישטיינגענגעזאָגט גרויס שוין די שמחה,
אַז געוואָרן איז די תּורה אויפֿגעשריבן — — —

* דער פֿון די נאַציס געקוילעטער לעצטער רבי פֿון דער ראַדאָמסקער־דינאַסטיע.



גיי אַ „מע־מע“־פֿריילעכס אַרום מעלעמער,
אַז „צאָן קדשים“ צו זינגען נישטאָ איז מיט וועמען,
אַ חוץ אויף צעפּיקעניִשן זיך אַליין,
און גאָט פֿאַר דער גאַנצער וועלט שוין צו פֿאַרשעמען — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איז ווי אַ הערש, ווי אַ לייב, ווי אַ לעמפּערט
פֿון תּליה אַראָפּ דער קאָזשעגלעווער גאון **,
אין זיינע פֿון קראָען צעפּיקטע אויגן,
אַ ווילד צעברענטער צעפֿלאַקערטער שגעון :

„יאָ, תּלמידים מיינע, אויסגעקוילעטע,
אַז צאָן קדשים — האָט דאָך געמוזט זיין אַ שעכטער!“
און פֿון „בראשית“ ביז „לעיני כל ישראל“,
איז זיין תּליה־צונג אַ ווילדער פֿרייד־געלעכטער :

„שישו ושמחו בשמחת תורה — —“
אַ, אַז נישט מיר, וואָס מיר זיינען אויסגעבליבן,
ווי אַזוי וואָלט דען די תורה הקדושה,
פֿאַר דער גאַנצער וועלט געוואָרן אויפֿגעשריבן ?

„אַ שמחת־תּורה־עפּל רויט, אויף אַ פֿאָן,
אויפֿגעשטאָכן דעם פֿאַרבלוטיקטן ערד קוילעך,
און מיט קינדערלעך, אַלע געקוילעטע,
דעם פֿריילעכן „הלוך ילך“ הינטערווײַלעך.

ברוך הוא וברוך שמו, גאָט אַליין פֿאָראויס,
מיט הענט־געפּלאַסקעט „און מיט פֿיס אָקלאַפּעניו“ — —
אַז די גאַנצע וועלט, אַן אויפֿגעציטערטע,
פֿון אַזאַ שמחת תּורהדיקן האָפּעניו — — — — — — —“
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איז דאָס געווען אַ „צאָן־קדשים“ קאַראַהאַר
מיט אַ גאַרטל גאַנצע וועלט אַרומצוריינגלען ;
דער „מע־מע“, דער געוואַלטיק צעהילכטער,
שייטער־אויוון־פֿלאַמען פֿלאַקערן און צינגלען.

* דער לעצטער ראש ישיבה פֿון דער „ישיבת חכמי לובלין“,
רבי ארי' צבי פֿראָמער.

איז דאָס געווען אַ „צאָן־קדשים" קאַראַהאַר,
ווען מ'איז מיט דער „אהרן הקפה" געגאַנגען;
מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ, מיט האָפּערדיקע,
די שמחת־תורה־פרייד מ'האָט רעמלט פאַרשטאַנגען.

אַ צעוויקלטע ספר־תורה — די וועלט!
און די עץ־חיים'ס — די תליה־שטאַנגען — —
איז דאָס געווען אַ „צאָן־קדשים" קאַראַהאַר,
מיט יעטווערן שפּרונג דעם הימל צו דערלאַנגען — — —

ס'וויקלען זיך און ס'שלייפן זיך און ס'קניפּן זיך
אין ראָד־אין־ראָד־געפלעכט די כאַרבל־געזאַנגען,
עניווהדיק די „למד־וואָו־חבריא
פון חרוה, אין־סופיקער, שיעור אויסגעגאַנגען.

## וואָלקענס

I

אַ ליידיקער בוים, אַ האַרבסטיק צעבלעטערטער,
אַלע עפּעל פון אים שוין אַראָפּגעקליבן,
נאָר איינער אַ בלאַסער, אַ נישט געצייטיקטער,
רויטלעך פאַרשעמט איז אויף אים הענגען געבליבן.

האָט מען, אַ נישט וויכטיק, און אים פאַרגעסן,
אדער אים הענגען געלאָזן מיט צעפליים,
פון לעצטע סוף־זומער שטראַלן דערוואַרעמט.
וועט מען אַ געצייטיקטן אַראָפּ אים רייסן?

ווי ער רוישט דער טאָג, — אַ וויאַנען־בוים אין נעפּל, —
פון בייזע ווינטן געריסן און פאַרשמיסן,
און ס'פאַלט די זון אַ נישט געצייטיקטע אַראָפּ,
אַן עפּעל פון אַ וואָרים אונטערגעביסן.

II

אַ גאַנצע נאַכט איז דער בלאַנקער לבנה־פּערפ
אַריין און אַרויס צווישן כמאַרעס געגאַנגען;
ליגט ער אַ געקאָסעמער דער ברייטער הימל,
דאָ און דאָרט, צוזאַמענגעשאַרט קופּקעלער זאַנגען.

און יענער וואָלקן איז ער נישט אַזאַ באָבע,
איבער אַ גראָבליע געבליבן שלעפּעריק הענגען?



דער פאַרנאַכט קומט אָן אַ געשפּאַנטע דראָבינע,
די געבונדענע סנאָפּעס אַהיימצוברענגען.

פונם נאָס־רעגן נישט פאַרכאַפּטע צו ווערן
די פערד ווילד־צעפלאָשעטע, פליען צעטראָגן,
און עס צעברעכט זיך די זון — דאָס הינטערשטע ראָד
פונם פול באַלאָדענעם דראָבינע וואָגן.

III

פאַר ע.

ווידער וואָלט איך געקענט מיינע הענט אויפהויבן,
„ס'טעלערל פון הימל" דיר אַ ראָפּצוברענגען;
ווי סעפּטעמבערדיק נידריק, ווי דורכזעוודיק,
איבערן קאָפּ ממש די וואָלקענס הענגען.

און די שטערן זאַפטיג־צעגלאַנצטע, באַטלטע, —
צייטיקע עפּעל אויף באַלאָדענע צווייגן,
מיט די פינגער־שפּיצן זיי אַראָפּצורייסן
און אויף טעלערל זיי אָנידערצולייגן — —

נאָר אָט — שוין האַלטנדיק לבנה אין די הענט — — — —
אַ שאַרבן ס'איז גאָר מיט אויסגעפּיקטע אויגן!
און נישט דורכזעוודיקע וואָלקנס, נישט נעפּלען, —
מיט קרעמאַטאָריום־רייך ס'איז הימל פאַרצויגן.

דוד זיידענפעלד

## זומער-שטורם

אַ שיםל־ליכט אויסגעגאָסן,
אויף אַ בלויען טעלער.
קומט אַ ווינט מיט אַ שטורם,
שטופּט די וואָלקנס שנעלער.
און זיי וויינען שוין מיט טרערן,
בליצט, באַשירעמט זאָל מען ווערן.

נאָר די פעלדער פרייען זיך,
האָבן אויסגעטון די העמדער.
אויפגעדעקטע ליגן זיי,
קוקט אויף זיי אַ פרעמדער.
פלוצלונג, פון אַ באַרג־שפּיץ,
אַ שפּיזידיקער בליץ.

מאַקס קאַהען

## צו „תשליך"

(פֿון אַ מעמואַרן בוך)

אויף אַלע ראש השנה פֿלעג איך און מיין פֿרוי פֿאָרן אין באַרנמוטה, ווייל מען איז דאָך נישט מער ווי אַ זינדיקער מענטש און דורכ'ן יאָר קלייבן זיך אָן גענוג עבירות און דער ים איז דאָרט גענוג גרויס זיי אַריינצונעמען.

און אַזוי שטייענדיק נעבן ים, געוויינטלעך אַנגעטאָן אין מיינע יום־טוב־דיקע קליידער קוק איך זיך איין ווי מען באָדט זיך. און פֿרויען וועלכע די נאַטור האָט בעשאָנקען מיט שיינע פֿיגורן, גייען אַפּט אַריין און אַרויס פֿון וואַסער; און זאָלן די מענטשן האָבן פֿערגעניגן פֿון זייער מתנה.

און איך בין זיי זער דאַנקבאַר דערפֿאַר.

הלואי וואָלטן אַלע מענטשן בעוויזן מיט וואָס די נאַטור האָט זיי בעשאָנקען און בעהאַלטן מיט וואָס זי האָט זיי בעשטראָפֿט!...

נאָר צום באַדויערן טוען עס פֿיל מענטשן פּונקט קאַפּויר. פֿילע לאָזן זיך קאָסטן געלדט צו מאַכן זיך מיאוס און פֿערשטערן דעם צוזייטן זיין פֿערגעניגן.

איך האָב געזען מענטשן מיט פֿליבעוואַטע, מיאוסע קעפּ, פֿול מיט פֿלעקן און ביילן גייען אָן היטלעך. מיידלעך מיט שענע פּנימער, ווען זיי וואָשן זיי אוים וואָלט געווען אַ פֿערגעניגן צו זען, פֿערשמירן זיי עס, אַז עס כאַפּט אָן אַן עקל.

קורץ, איך האָב געקענט איבערעכענען זער פֿיל, נאָר אַזוי שטייענדיק, שטייט נעבן מיר אַן ענגלענדער אַן עלטערער מאַן און קוקט אויך מיט זער פֿיל אינטערעס. עס זעט אוים, אַז ער איז אַן אינטעליגענטער מאַן.

אין באַרנמוטה געפֿינען זיך זער גרויסע פֿענסיאָנירטע פּערזענלעכקייטן

דער מאַן, פֿון גרויס באַצויבערונג און נישט קענענדיק מיך, רופֿט זיך אָן צו מיר. ווי עס געפֿעלט מיר די פֿיגור.

עס איז טאַקע געווען אַ וואונדערבאַרע פֿרויענצימער.

איך, זייענדיק געווען אַ קונסט שניצער, זאָג אים געוויינטלעך: „וואונדערבאַר!" און מיר פֿערפֿירן אַ געשפּרעך וועגן קונסט און מיר גיבן אונזער מבינות וועגן דער פֿיגור. די ווייכקייט פֿון די ליניעס, די פּראָפּאָרץ פֿון די אברים און אַזוי ווייטער. און איך בין זער צופֿרידן וואָס איך קען נעמען אָן אַנטייל אין דעם געשפּרעך.

מיר הייבן אָן רעדן פֿון קונסט און קינסטלער. מיר דערמאָנען רעמבראַנד, מיקעל־אַנדזשעלאָ, גרינליניבינס, אַנטאָקאָלסקי און נאָך פֿערשיידענע גרויסע מייסטערס.

רופֿט זיך אָפּ צו מיר דער ענגלענדער, אַזוי ווי ער האָט צוויי גרייסע שטיקער מירמלשטיין, פֿון וואָס ער וואָלט געוואָלט מאַכן אַ ביוסט פֿון זיך און פֿון זיין פֿרוי.

געוויינטלעך ראָט איך אים דעם סקולפּטור עפּשטיין, וועלכער איז איצט



דער בעסטער. זאָגט ער, אַז עפּשטיין איז מער פֿאַראינטערעסירט אין פּרימיטיווער קונסט, נישט אין פֿיין אויסגעפֿירטע פּלאַסטישע פֿיגורן.

איך ראָט אים ער זאָל זיך דורכשרייבן מיט דעם איטאַליענער סעניאָר פּאַלערמאָ. זיי, די איטאַליענער ספּעציאַליזירן זיך איבערהויפּט אין סקולפּטור. און זאָג אים וואו ער זאָל זיך ווענדן וועגן דעם.

דערווייל האָט מיך בעמערקט מיין האַליך־העגדלער. וועלכער איז אַ געוועזענער סטאָליאַר; זער אַ פּראָסטער מענטש מיט אַ פּאָר גראָבע הענט און גרייסע שיך. וואָס ער טראָגט זיי שטענדיק און אַלעמען רופֿט ער דו. און וואַרט נישט ביז מען זאָל אים בעקענען.

איך זע ער גייט צו מיר. שלעכט! איך ווייס און פֿיל, אַז עפּעס נישט־אָנגענעמס וועט געשען. איך מאַך זיך, אַז איך זע אים נישט. ער אָבער האָט נישט געוואָלט וויסן. ער איז צוגעקומען, האָט מיר אַריינגעשטעקט זיין האַנד מיט אַ ברייטן „וואָס מאַכסטו?" און דעם ענגלענדער אויך. מיט אַ „וואָס מאַכט איר?". — געוויינטלעך אויף יידיש... דער ענגלענדער האָט נאַטירלעך נישט פֿאַרשטאַנען, נאָר האָט אים געגעבן די האַנד ווי אַן איידעלמאַן, געבענדיק זיך אַביסל אַ טרייסל. און איך קלער, אַז מיין האַליך־סוחר האָט זיך אויך אויסגעפֿירט פֿיין. איך הער פֿון אים דאָס ערשטע מאָל „איר".

און אַזוי שטענדיק איז אַרויס פֿון וואַסער די זעלבע פֿרוי, וועלכע מיר האָבן באַוואונדערט. מיין ענגלענדער, פֿון גרויס בעצויבערונג, זאָגט צו מיר, „היר שי איז אַגיין" (עס הייסט, זי איז ווידער דאָ.)

ערשט מיין האַליך־סוחר, דער געוועזענער סטאָלאַר, האָט געגעבן אַזאַ שפּיי, מיט וויפֿל כח ער האָט נאָר געהאַט און האָט אונז ביידע אָנגערופֿן, שוין אויף ענגליש, אַז מיר זענען אַ פּאָר אַלטע ממזרים און מיר דאַרפֿן זיך שעמען אין אונזער ווייטן האַלז און נאָך אַזוינע ווערטער, האָט ער אויף אונזערע קעפּ אויסגעבאָטלט. וואָס לאָזן זיך נישט שרייבן; און אַלץ אין „ענגליש"... פֿאַרשטייט זיך אויף אַ מין ווייטשעפּעלער „קאָקני"!

וואָס זאָל איך אייך זאָגן דאָס איז שוין איינמאָל געווען אַ תשליך, אַז איך האָב אָפּגעקומען אַלע מיינע זינד... און דעם ענגלענדער, דעם קונסט פֿאַרערער, אַזוי ווי ס'איז אים געלונגען זיך אַרויפֿצוכאַפּן אויפֿן „בּיער", איז מסתמא נאָך געלונגען צו כאַפּן אַ בליק פֿון אַ פֿיל בעסערן פּערספּעקטיוו... און צו באַטראַכטן די „פֿיגור" פֿון אַ נייעם בליק־פּונקט...

אַז איך בין אַהיימגעקומען צו מיין פֿרוי אין האָטעל אַריין, האָט זיך דער גאַנצער פֿאַרלאָפֿענער אינצידענט אויסגעלאָזט מיט אַ פֿריילעך געמאַכטן געבייזער: דעם גאַנצן ים וועסט דו דאָך פֿאַרשלאָפֿן, אפילו דאָס תשליך. אָבער איך האָב מיך שוין געהיטן אויף די שפּאַציר־גענג מיט מיין פֿרוי זיך נישט אָנצוטרעפֿן מיט אונזער האַליך־סוחר, דעם אַמאָליקן סטאָליאַר.

דער נסתר

# צו דער אויסשטעלונג פון לינע פאַ

(פּאַלינע האַרענשטיין)

אַלע ווייסן, ווי ווייט אַסקעטיש די פאַרליבטע ריטער פון דער קונסט זיינען פּעאיק, אָפּפערנדיק זיך אָפּצוזאָגן פון אַלץ לטובת זייערע אויסגעווילטע „האַרץ־דאַמעס". — די מוזעס. — וועמען זיי שווערן אייביקע, לעבנס־לאַנגע טרייהייט.

אַלע ווייסן אויך צו וואָס אָט די בלינדע, אויסצערנדיקע געטרייַשאַפט דערברענגט זיי אַמאָל.

ס'איז באַוואוסט, ווי אַ מיקעל אַנדזשעלאָ האָט מאָלנדיק די טיקסטינער קאַפּעלע, יאָרנלאַנג, אין האַלב פינצטער, און תמיד דעם קאָפּ אויף צום רוקן פאַרבויגן, זיך דעראַרבעט דערצו, אַז דער קאָפּ איז אים שוין אַזוי אויף שטענדיק פאַרשטאַרט און צום רוקן אויסגעבויגן געבליבן.

ס'איז באַוואוסט מיט וואָס אַ באַלזאַק האָט באַצאָלט פאַר זיין איבערמענטשלעכער, אַלץ פאַרשלינגענדיקער „פאַרליבטקייט" — מיט פאַרצייטיקער גייסטיקער אויסגעשעפּטקייט און אומקום פאַר דער צייט.

ס'איז באַוואוסט מיט וואָס ס'האָבן פאַרענדיקט אַ גאָגאָל, אַ מאָפּאַסאַן, און נאָך, און נאָך...

אָבער דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, בלויז איין זייט פון דער מטבע. פון דער אַנדערער זייט איז, פאַרקערט, — אמת ווייניקער באַוואוסט דער פאַקט, אַז אַ דאַנק דעם הויכן גראַד באַגייסטערונג זיינען קינסטלער אָפט גובר זייערע אַ קרענק. „עסן" זי אויף, לעבן זי אויס, און אין פּראָצעס פון זייער אַלפאַרשלינגענדיקער אַרבעט קומען זיי זי ביי. נערוופּאַטאָלאָגן ווייסן פון דער היילקראַפט פון דער קונסט און ראָטן קיינמאָל ניט די קינסטלער זי צו פאַרלאָזן, אַפילו ניט אין אַ מאָמענט פון עכטער נערוון־צערייצטקייט...

מערער: ס'טרעפט אַמאָל, ווען די מוזעס זיינען ממש מחיה מתים און שאַפן וואונדער איבער וואונדער מיט די ריטער, צו וועמען זיי האָבן אַ נייגונג און וועלכע זיי האָבן זיך אויסדערוויילט אויף ליבע און אויך דורך זיי צום וואָרט קומען....

פאַקטן קאָנען דאָ אויך געבראַכט ווערן גענוג. אָבער אָט איז איינער, וואָס מיר האָבן זיך אַקאָרשט מיט אים געטראָפן — אַ לעבעדיקער, אַן עכט־בולטער און גוואַלדיק אילוסטרירנדיקער.

ס'האַנדלט זיך וועגן אַ בלינדער פרוי, אַ קינסטלערין, אַ סקולפּטאָרין, מיטן נאָמען לינע פאַ.

אַ פּאָר ווערטער, טאָקע מער ניט ווי אַ פּאָר, צו איר ביאָגראַפיע: זי איז ביז איר דרייסיק־יעריקער עלטער געווען אַ באַלערינע. דערנאָך איז זי פאַרשלאָפט געוואָרן און בעת דער שלאָפקייט פאַרלאָרן די ראיה, אָבער טאָקע דעמאָלט, ווען ס'האָט זי דער אומגליק געטראָפן, האָט זי געטראָפן אויך דאָס גליק: איינע אַ מוזע האָט זיך אין איר פאַרליבט, די מוזע פון פּלאַסטישער

צוגעשיקט פון סאָוויעט־רוסלאַנד.



קונסט. זי האָט זיך אין איר — פינוואַנען, פון וואו, ווייסט זי ניט, — ווי אַ „דבוק" אַריינגעכאַפּט. און ליגנדיק אין שפּיטאָל שוין אָן דער ראיה, האָט לינע פאַ איינמאָל אַ בעט געטאָן, מען זאָל איר דערלאַנגען עפּעס צום קלעפּן...

און ס'איז אַוועק, קינדער, וועלכע זיינען צוזאַמען מיט איר אין שפּיטאָל געלעגן, האָבן דערזעענדיק איר אַרבעט, ביי איר גענומען באַשטעלן שפּילעלעך, וואָס יעדעס איינעם האָט זיך פאַרוואָלט צו האָבן. און זי, לינע פאַ, האָט שפּילנדיק — שוין בלינדערהייט — אויסגעפילט די באַשטעלונגען.

פון דעמאָלט אָן איז סקולפּטור איר באַרוף געוואָרן, איר איינציקער ציל אין לעבן, איר טרייסט. דערביי האָט זי אין אָט דעם געביט דערגרייכט אַזאַ סאָרט שלמות, וועלכע אַפילו גרויסע טאַלאַנטפולע זעענדיקע קינסטלער וואָלטן זיך געמעגט ווינטשן.

און דאָס איז דאָך אינצווייען צו באַוואונדערן. דאָס איז אַ נס בתוך נס: נישט נאָר אַליין אַ טאַלאַנט, וואָס זיין מהות לאָזט זיך, ווי באַוואוסט, שווערלעך צו דערקלערן, נאָר דערצו נאָך אַזאַ, וואָס זי האָט, דוכט זיך, ניט די מינדסטע מעגלעכקייט אים אַרויסצוברענגען... (אַקוראַט, ווי ווען מען זאָל זאָגן אַ בויער, ער זאָל אויסבויען אַ שלאָס אין דער לופט... און זי, לינע פאַ, ברענגט אים יאָ אַרויס, און נאָך מיט וואָס פאַר אַ גלאַנץ, און וויאַזוי זעלטן פאָלקאָמען.

אַדרבא, גייט זעט און איבערצייגט זיך.

ווי נאָר איר קומט אַריין אין דער ליכטיקער, ציכטיקער זאַל פון דער אויסשטעלונג און כאַפּט בלויז אַ דערווייליקן איבערכאַפּנדיקן בליק איבער די ניפּס־ביוסטן אין נאָרמאַלער גרייס און איבער די פּלאַסטעלין־פיגורלעך אין מיניאַטור, און איר באַמערקט די אַזוי געראָטענע אויסדריקלעכקייט און כאַראַקטעריסטישע איינגנשאַפטן פון דעם קינסטלערס אָביעקטן, אַמאָל אין עכט־געשטילטער האַרמאָניע דערלאַנגט און פאַרגעשטעלט, און אַמאָל אין שטאַרק עקספּרעסיווע באַוועגונגען, ווי יעדער אָביעקט איז גענומען און צושטענדלעך פאַרפיקסירט געוואָרן, — ווי נאָר איר טוט אַן איבערנאַיפיקן קוק אויף אָט דער אויסשטעלונג, איז ווען מען זאָל אייך זאָגן, אַז איר האָט דאָ צו טאָן אַפילו בלויז מיט אַ געוויינלעכן, נאָרמאַלן קינסטלער, ד.ה. מיט אַ מענטש מיט אַלע מענטשן צוגלייך, מיט אַ מענטש מיט אַלע חושים, וועלכע פאַרעדן זיך אויף צו פאַרוואַנדלען רוי־מאַטעריאַל אין קונסטווערק, וואָלט איר שוין אויך זיך גלייך דערפילט יום־טובדיק דערהויבן, ווי אַלעמאָל, ווען איר שלאָגט אויף פּאַטענערישער נעבענמשקייט און דערפילט זיך פאַרכאַפּט פון אַ שעפערישן גייסט, וואָס האָט גענומען איבער אייך די אויבערהאַנט און צווינגט אייך זיך צו לענקען אין יענער ריכטונג, וואוהין זיין ווילן טוט נאָר וועלן...!

בפרט דאָ, ווען איר ווייסט, אַז די אַלע ווערק, צווישן וועלכע איר גייט אום, זייענדיק פאַרכאַפּט פון זייער פאַרנאַנצטקייט און אין דער זעלבער צייט ניט קאָנענדיק אָפּרייסן די אויגן פון זייערע איינצלהייטן, פון דעטאַלן, — קומען געשאַפן פון אַ האַנט פון אַ נישט־געוויינלעכן, נישט נאָרמאַלן קינסטלער, פון

אַ מענטשן, נישט מיט אַלע מענטשן באַגלייך, פון אַ מענטשן נישט מיט אַלע חושים — קורץ, פון אַ מענטשן, ווען מען ס'פעלט אויס. לאָמיר זאָגן, אַזאַ „קליינינקייט" צו זיין מלאכה, ווי די אויגן, די ראיה; אַז איר ווייסט דאָס אַלץ, ווערט איר שוין דאָ געפּלעפט און פאַרחידושט. איר בלייבט שטיין מיט אַן אָפן מויל אַן אַנטציקטער און איבעראַשטער, ווי פאַר אַן אמתן גאָטס־וואונדער, ווי מען זאָגט. ד.ה. ווי פאַר אַזאַ אויסער־דער־ריי אַרויסקומענדיקער דערשיינונג, וואָס אויף אַ געוויינלעכן אופן לאָזט זי זיך נישט צו דערקלערן.

און באמת, זייט אַזוי גוט, כאַפּט אַ קוק, זאָגט און דערקלערט, וויאַזוי איז דאָס מעגלעך אומגעזען אַזוי קינסטלעריש צו געבן און אַזוי פאָלקאָמען אַרויסברענגען אַזאַ קאָמפּליצירט באַשעפעניש. ווי דער כמעט רעמבראַנטישער „אַלטער", מיט אַלע שיינען, שאָטנס, קניימשן פון זיין הויט און פון זיין... נשמה, באַזונדערס אין אַזאַ קאָמפּליצירטן, עקסטאַטישן צושטאַנד, ווי בעת ער איז פאַרטאָג אין זיין תפילה.

ווייל יאָ. נישט סתם „דער אַלטער". ווי די קינסטלערין האָט אים אָנגערופן, איז דער פּאַסיקער נאָמען פאַר אָט דעם ווערק. נאָר מער קאָנקרעט: „דער אַלטער. אין תפילה־פאַרטאָנענער ייד".

טוט אָקאָרשט אַ קוק אויף זיין אַ ביסל אין דער זייט און אין דער הויך אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט די האַלב־פאַרמאַכטע, האַלב־אָפענע אויגן, וואָס קוקן ערגעץ אין אַ „יענער" וועלט אַריין, מיט זיין האַלב אָפן מויל, מיט די אַנדערהאַלבן ציין, וואָס זעען זיך אַראָפּ פון זיין אויבערשטער יאַסלע — אין אַ מאָמענט, ווייזט אויס, פון זיין הייליקסטן געבעט, פון „שמע ישראל"...

אדרבא, כאַפּט אַ קוק, און זאָגט, ווי איז דאָס מעגלעך אומגעזען אַזוי צו זען און אַזוי צו קוקן אויף דעם אַלטן, מיט די אויסגעגריבלטע באַקן, ווי נעקנייטשטער פאַרמעט, מיט זיין דין־דינער נאָז, עטוואָס אין אַ זייט אָפּגעבויגן, און דער עיקר — נאָכאַמאָל — אַזאַ באַגייסטערטן, מיטן האַלב אָפענעם מויל, מיט די נישט מער ווי אַנדערהאַלבן ציין — דער גאַנצער — גאַנץ, און דער האַלבער — אַ ביסל נאָך שטשערבאַטע — מיט די האַלב־פאַרשטאַכטע אויגן, אַזוי פאַרטראָגן אין עולמות?...

אַדער אָט איז אַ צווייט ווערק: דאָס מיידעלע, וואָס איז דערוואָרבן אין אייגנטום פון דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי, און וואָס האָט אַ געשיכטע, וועלכע די קינסטלערין אַליין דערציילט זי אונז.

אַ שיינהייט, וואָס האָט זיך ערגעץ אין קרים דערטרונקען, און וואָס בעת מען האָט זי פון וואַסער אַרויסגעצויגן, האָט זיך געפונען שטיין אַ פּראָפעסאָר פון קונסט, וועלכער האָט געלאָזט פון איר אַראָפּנעמען אַ מאַסקע. ער האָט אויך געלאָזט מאַכן איר פּאָרטרעט, לויט אָט דער מאַסקע, באַשטעלנדיק אים ביי פאַרשיידענע קינסטלער. קיינעם אָבער האָט ער זיך נישט איינגעגעבן. און אָט האָט דער פּראָפעסאָר אים ביי לינע פאַ באַשטעלט, און אָט איז ער דאָ.

עפּעס אַ צויבער האַלט אייך און לאָזט אייך ניט אָפּגיין פון יענעם קאָפּ פון יענעם מיידעלע... אַלע יונגטלעכע חנען קומען אייך אַנטקעגן און לעבן



אייך אַרויס פון אָט דעם פּנים. וואָס דערמאָנט אייך אַ נאָכקלעפּיקן, נישט צעעפנטן קנאָספּ. וואָס פון אים דאַרף, עטוואָס שפּעטער, זיך אויסשיילן די אַזוי שמעקענדיקע, פיינפאַרמדיקע, רייצנדיקע רויז... איר האָט שוין אַ האַלב צוזאַנגדיקן אַדערוף דערויף; אַ געהיימניספול שמייכעלע, וואָס דערמאָנט דעם שפּעטער נאָך מער געהיימניספולן שמייכל פון אַ דזשיאָקאָנדע...

און אָט איז אַ ווערק פון אַן אַנדער זשאַנר: אַ באַגייסטערטער פּלאַקאַט — „די באַגייסטערטע פאָנען־טרעגערין", וואָס ס'דאַכט זיך, אַז באַלד וועט זיך אָט דאָס ווייס־גיפּסיק לופטיק מיידל פון איר פּיעדעסטאַל אָפּרייסן און, מיט געזאַנג און מיט נצחון איבערפולט, אין דער ווייטער, הויכער לופט אַוועקשוועבן.

און אָט שטייט פאַר אייך די אויף האַלב אויסגעבויגענע פיגור פון עם נענער אין טאַנץ. און איר דערפילט די אַנדערשדיקע, די אייך אומבאַקאַנטע טאַנץ־קולטור, דער אייך פרעמדער, אָבער אין דער זעלבער צייט אַזוי אייך נאָנטער און איינענער פאָלקס־איינגנאַרט.

און אָט איז אייך אַ סעריע „פיגורן" פון אונזערע אייראָפּעאישע מענערנס. וואָס זיינען דער קינסטלערין אַזוי נאָענט, אייגן און פּראָפעסיאָנעל „איינגעבאַקן" נאָך פון יענער צייט. ווען זי איז נאָך אָנגעהעריקע און דינערין פון דער מעלפּאָמענע — קונסט — אַ באַלערינע.

און אָט וועט איר די סוויטע — די פיל קליינע, אָבער אַזוי ציכטיק, פול מיט עקספּרעסיע און קערפּער־קענטעניש געשאַפענע פיגורקעס, ווי „דער „אַקראָבאַטישער טאַנץ", אָדער „דער אַראַנגוטאַנג", — יענער אור־אור־זיידע פון אונזער אַזוי ווייט אַוועקגעגאַנגענער ווירקלעכקייט, און וואָס דאָס האָט די קינסטלערין אין זיין האַלב מענטשלעכן, האַלב נאָך חיהשן שטערן שוין געלאָזט פילן און פאַרקערפּערן יענע אור־פענגלעכע גייסטיקע נערדאַנקלעכקייט. וואָס האָט שפּעטער, מיט מיליאָנען יאָרן נאָך יענעם, געגעבן אַ... סאָקראַטן.

און אַזוי ווייטער, און נאָך, און נאָך, ווערק נאָך ווערק, וועגן וועלכע מיר זאָגן זיך אָפּ געניוער צו באַריכטן, לאָזנדיק דאָס פאַר מער באַרופענע, פאַר קונסט־מבינים, פּראָפעסיאָנאַלן.

מיר האַלטן דאָס, וואָס מיר האָבן ביז אַהער געזאָגט, פאַר זיך פאַר גענוג. און מיר ווילן דערביי נאָך צוגעבן, אַז ווער ס'וועט די אויסשטעלונג באַזוכן, דער זאָל, נאָך דעם ווי ער וועט אַלץ אַרומקוקן און באַטראַכטן, אויך ניט פאַרגעסן, לסוף, זיך חייסן ווייזן די קינסטלערין אַליין — מיט דער נאָך מיידעלשער פיגור, מיט די שוואַרצע האָר, עטוואָס נאָך מיט גראָווע פּאַסמעלעך דורכגעוואָרפן, מיט די שטיל־אַראָפּגעלאָזטע, טרויעריק אין דער וועלט קוקנדיקע אויגן־לעפּלעך, ווי ביי אַלע בלינדע, און קוקנדיק אויף איר, זאָל ער פּרוּוון לייזן די רעטעניש: ווי איז דאָס מעגלעך?

ווי איז מעגלעך אַזאַ איבערנאַטירלעכע אויבער־ראיה. וועלכע פאָדערט זיך אויף אַרויסצוברענגען אַזוינע פיינקייטן און אַזאַ הויך־קינסטלערישע קוואַליטעט, בעת ס'פעלט אפילו די עלעמענטאַרע ראיה?

ווי איז מעגלעך. אַז הענט, פינגער זאָלן פאַרמאָגן אזא זע־קראַפט אויף קאָנען איבערגעבן די איידעלסטע ניואַנסן און פאַרבאָרגנסטע אויסגענעמלעכקייטן אפילו אַליין פון דער הוילער אַנאַטאָמיע פון מענטשלעכן לייב, בפרט די פאַרבאָרגעניש פון דער נשמה, ווי צום ביישפּיל ביים אַלטן, וועגן וועלכן מיר האָבן איובן דערציילט, אויך ביי דעם טשוואַשישן מיידעלע, וועגן וועלכן די קינסטלערין אַליין דערציילט, אַז זי האָט זי געקלעפּט אָט בעת דער עוואַקואַציע, וואו זי האָט דעמלט געוואוינט, און ווען ליב קריגנדיק דאָס מיידעלע פון איר באַלעבאָסטע, האָט זי גענומען איר פּנים באַטאַפּן און האָט אַרויסגעקריגן אַזויפיל נאַציאָנאַלן חן, אויסגעדרוקט אין די קאָפּע אייגעלעך און אין די ברייט־קנאָכיקע בעקעלעך פון מיט קינדערישער מילדקייט, אַז עס ווילט זיך דאָס אַ קוש טאָן...

באַזונדער זאָלן זיך פאַראינטערעסירן קינסטלער, צו וואָס פאַר אַן אַרט קונסט זיי זאָלן ניט געהערן און וואָס פאַר אַ מוזע זיי זאָלן ניט דינען, און זאָלן זיי שטאָלצירן, זעענדיק, אַז די, וועמען זיי האָבן געשוואוירן אייביקע און לעבנס־לאַנגע געטריישאַפט, האָבן דאָס ווירקלעך פאַרדינט, קאָנענדיק נישט נאָר פאַרערן, מאָנען, און נעמען, נאָר אויך מילד באַשענקען און געבן זאָלן זיך קינסטלער איבערנעמען!

## לעאָ קעניג

# בערנאַרד שאָ — אַ מתושלח

בערנאַרד שאָ, דער באַרימטער שרייבער פון אונזער צייט, איז געוואָרן אַ בן תשעים. דאָס זעט שוין באַלד אויס ווי אַ כאַראַקטעריסטישער שאָ „פּובליסיטי זשעסט". נו, טאָקע ווי דען, ווער זאָל שלאָגן דעם רעקאָרד פון עלטער צווישן די וועלט באַרימטע שריפטשטעלער אויב נישט בערנאַרד שאָ?

צווישן די אמתע און אַזויגערופענע אונשטערבלעכע זיינען דאָ אַ שפּאָר ביסל זקנים; איך ווייס ניט צו ס'איז דאָ אַזאַ סטאַטיסטיק (אויב מען קען נוצן דעם באַגריף סטאַטיסטיק ווען ס'האַנדלט זיך וועגן די סאַמע אויסדערווילטע און געציילטע...) וויפיל פון די גרויסע און וועלט־באַרימטע דיכטער, שריפטשטעלער און דענקער זיינען געשטאָרבן יונג, אין די מיטעלע יאָר, און וויפל פון זיי זיינען אַוועק פונם ערדישן לעבן אין טיפער עלטער און זאַט מיט יאָרן, נור דעם איינדרוק האָבן מיר שטענדיק, רעדענדיק אָדער קלערענדיק וועגן די אַמאָליקע און מאָדערנע גייסטיקע ריזן אַז זיי זיינען ס'רוב געווען זקנים... מיט לאַנגע גרויע בערד... עפּעס טאָקע ווי דער מענטשלעכער געדאַנק וואָלט געווען דויערהאַפטער ווי דער מענטשלעכער אַקט אָדער אַפילו עמאָציע. תלמידי חכמים נוצן זיך ניט אַזוי ניך אויס ווי די אנשי מעשה. און וואָס עלטער זיי ווערן אַלץ קלאָרער, מיושבדיקער ווערט זייער באַוואוסטזיין...

זקנים זיינען דאָ „אסך" אין דעם עולם היצירה. פּלאַטאָ, ניוטאָן, לעאָנאַרדאָ דאַרווין — קומען אויפן זינען.



אָבער די אַלע און דער צענדליג צו צוויי אַנדערע אונשטערבלעכע זקנים זיינען ס'רוב אַכציקער און זיבעציקער...

פון די נעענטערע צו אונז (און צו דעם העלד פון דעם עסיי) גרויסע שריפטשטעלער און דענקער — געטע, טאָלסטאָי, אַנאַטאָל פראַנס, האַרדי, פּאַוליעוו, פּרויד, בערגסאָן און אונזער מענדעלע — אַלץ אַכציקער און זיבעציקער...

אָבער אַ ניינציקער? ווער פון די אַמאָליקע אָדער מאָדערנע גרויסע מענטשן, אונשטערבלעכע אָדער פּרעטענדענטן אויף אונשטערבלעכקייט האָט עס דערלעבט צו זיין אַ ניינציקער? אויב איך מאַך קיין טעות נישט — קיינער נישט. אויסער אונזער בערנאַרד שאָ, און... שאָ, דער גרויסער פּיקח ווייסט מיט וועמען פאַרמעסטן זיך — מיט דעם גריכישן, גרויסן דראַמאַטורג סאָפאָקלעס, וועלכער האָט געזאָלט אָנשרייבן זיין בעסטע שפּיל ווען ער איז געווען אַ ניינציקער.

אונזער בערנאַרד שאָ האָט געשלאָגן דעם רעקאָרד אויף לאַנגע יאָר צווישן די וועלט באַרימטע זקנים. גלייך ווי אָט דער קלוגער, קוועקזילבערנער אירישמען וואָלט זיך און דער וועלט איצט מיט אַ חוזק אונטערגעזאָגט; איר קענט זיך צווייפלען — איך צווייפל אויך אַמאָל — צו איך באַלאַנג צו דער קאַטעגאָריע אמת גרויסע און אונשטערבלעכע גייסטער, אָבער אין עלטער האָב איך זיי אַלע איבערגעיאָגט. ווייזט מיר ווער נאָך פון זיי איז אַ ניינציקער?

בערנאַרד שאָ, דער מחבר פון דער לענגסטער פּיעסע אין דער געשיכטע פון טעאַטער „צוריק צו מתושלח" (אַ פּיעסע וואָס דאַרף געשפּילט ווערן אין פאַרטזעצונגען; מיט פינף און צוואַנציג יאָר האָט מען זי געשפּילט עטלעכע נעכט נאָכאַנאַנד אין לאָנדאָן...); בערנאַרד שאָ דער גרויסער דראַמאַטורג; בערנאַרד שאָ דער פּיאָנער פונם ענגלישן סאָציאַליזם. בערנאַרד שאָ דער מוזיק און טעאַטער קריטיק; שאָ דער גלענצענדסטער אפשר זשורנאַליסט און פּאַמפלעטיסט פון אונזער צייט; בערנאַרד שאָ דער פילאָזאָף און וועגן בערנאַרד שאָ דער רעוואָלוציאָנער און „קלאָון"; בערנאַרד שאָ דער „כל־בו"־טעאָריער; צו די אַלע און נאָך אַנדערע אויסצייכנונגען קריגט איצט בערנאַרד שאָ נאָך אַ טיטול, וואָס קיינער פון די גרעסטע און עלטסטע האָט נאָך צו אים ניט דערגרייכט: בערנאַרד שאָ דער מתושלח.

---

צווישן שרייבער און קינסטלער ווערט אָפט דיסקוטירט און אַרומגערעדט די פראַגע צו שאָ וועט לאַנג לעבן נאָך זיין, קיין עין הרע, לאַנג לעבן, אָדער ער וועט פאַרגעסן ווערן ווי די אַנדערע צייט־באַרימטהייטן, וואָס בשעתם האָבן זיי געקערט וועלטן און מען האָט ביי זייער לעבן געגלייבט, אַז זיי וועלן זיכער קיינמאָל נישט פאַרלאָזן דעם פּאַנטעאָן פון אונשטערבלעכע. ד.ה. צו בערנאַרד שאָ איז באמת אַ גרויסער שאַפער פון אונשטערבלעכע ווערק, אָדער איינער פון די כמו אָדער במקום אונשטערבלעכע וואָס באַווייזן זיך אָפט — פיל אָפטער נאַטירלעך ווי די אמתע גרויסע — אין פאַרשידענע צייטן און לענדער.

שרייבער און קינסטלער האָבן ליב אזעלכע „אונטער פיר אויגן" דיסקוסיעס, ארומרעדערייען און... באַרעדערייען... פון די גרויסע און „גרעסטע" פון זייער צייט.

דערמאָנט אין איין ווענס מיט א מוסר השכל, און אזוי רעדענדיק די ערשט נישט לאַנג פאַרשטאָרבענע וועלט־באַרימטהייטן, וועלכע הייבן שוין, דאַכט זיך, אָן פאַרגעסן ווערן...קיפּלינג, גאַלזוואָרטי, אַרנאָלד בענעט, אַנאַטאָל פראַנס, טאָל בודזשע... — אָט ערשט נישט לאַנג צוריק האָבן זייערע נעמען געלויכטן ברומו של עולם, און איצט — מען דערמאָנט זיי קוים אַמאָל... און זיי זעען שוין אויס אַזוי ווייט. און באַלד נייט מען אַריבער צו דער קרובה־שער פראַגע, ווער פון די וואָס ווערן פאַרגעסן וועט אויפשטיין 'תחית המתים', אָט אַזוי דער פאַרגעסענער ענגלישער נאָוועליסט טראָלאָפּ, וועלכער איז אויפגעשטאַנען תחית המתים אין די מלחמה יאָרן (צוליב עסקייפּיסטישע טעמים אפשר?) און וועמענס נאָוועלן פונם לעבן פון די ענגלישע „כלי קודש" ווערן אויך איצט נאָך דער מלחמה נאָך אַסך געלייענט. —

אָבער אַמיינסטן, ווי געזאָגט, ווערט בערנאַרד שאָ'ס „אונשטערבלעכקייט" דיסקוטירט צווישן ענגלישע שרייבער און קינסטלער פאַר וואָס? — ווייל שאָ איז דאָך דער באַרימטסטער שרייבער פון אונזער צייט; און ווייל בערנאַרד שאָ האָט מער ווי סיי וועלכער ס'איז אַנדערער היינטיקער שרייבער די פּאָעזיע, דעם טאַלאַנט, אָדער רופט עס „זשעניאוס" צו מאַכן וועגן זיך רעדן... דאַכט זיך אַז שאָ אַליין האָט אַמאָל געזאָגט אַז אַ שרייבער טאָר זיך נישט לאָזן לאַנג פאַרשווייגן, און קיינער, דאַכט זיך, ווייסט נישט בעסער פון שאָ'ן ווי אַזוי דאָס צוטון.... אפילו אין די לעצטע יאָרן פון זיין טיפער עלטער קומט ער אָפט אַרויס מיט בריוועלעך אין דער פּרעסע, מיט ביימענדיקע, כאַראַקטעריסטישע שאָ אַרטיקלען, וועלכע „מאַכן גאַנץ ענגלאַנד" — און ניט נור ענגלאַנד — רעדן פון אים.

און דער חלוקי דעות וועגן שאָ'ס אמתע גרויסקייט און אונשטערבלעכקייט איז, פאַרשטייט זיך, זער אַ שאַרפער:

טייל זאָגן אַז זיינע דראַמעס און אַנדערע ווערק האָבן זיך שוין אויסגעלעבט. געעלטערט שטאַרק (מער פון אים, דעם מיט לעבן צאַפּלדיקן שאָ אַליין...); אַז ער איז אין דער אמתן נישט קיין פּאָעט; אַז אין זיינע פּיעסן זיינען נישטאָ קיין לעבעדיקע מענטשן־בלוט און פלייש, זיינען נור אידעאישע סכעמעס און פאָרמוליעס... און דערפאַר רעדן זיי שוין צו אונז נישט. זאָגן אונז אַלטע שאָ חכמות...

אויך זיינע סאָציאַלע אַנשויאונגען, זיין וועלט אַנשויאונג און פילאָזאָפיע ווערט פון זיינע קריטיקער (צווישן וועלכע עס געפינט זיך זיין ערשט פאַרשטאָרבענער פריינט ה. זש. וועלס — קריטיק און פריינטשאַפט זיינען אָפּנים מעגלעך) קריטיקירט. זיינע סאָציאַלע אידעען האָט ער געירשנט פון די וועבסעס און פון סעמועל באַטלער. וועמען שאָ אַליין האַלט פאַר זיין לערער; זיין פילאָזאָפיע וועגן 'לייף פאָרס' דערמאָנט שטאַרק, זאָגט מען, אָן בערגסאָנס



„שעפערישן שוואונג" („עלאַן וויטאַל"). — נור זיין סטיל, גיבן זיינע קריטיקער צו, איז איינער פון די רייכסטע. דער רייכסטער און גלענצענדסטער אין דער ענגלישער שפּראַך.

און זיינע חסידים און פאַרערער זאָגן אַז שאָ וועט לעבן אַזוי לאַנג ווי די ענגלישע שפּראַך וועט לעבן; אַז זיין „סן זשאַן" איז אַ פּאָעטיש ווערק; אַז ער האָט מיט זיינע אידעען באַפרוכטפערט דורות ענגלישע אינטעליגענץ; אַז פאַר אַ האַלבן יאָרהונדערט — ביז פערציג יאָר איז ער געווען הויפּטזעכטלעך אַ זשורנאַליסט און טעאַטער און מוזיק קריטיק — איז ער געווען דער לערער און מדריך פון דער ענגלישער אינטעליגענץ... אַז ער איז געווען דאָס געוויסן — ווען אפילו אָפט שטיפעריש געוויסן פון ענגלאַנד... אַז ער איז געווען און איז דער וואָלטעער פון אונזער יאָרהונדערט או.אַ.וו.

נאַטירלעך, האָבן אָט די חלוקי דעות, טרעפעניש און פאָראויסזאָגענישן צי דער אָדער אַן אַנדערער פון אונזערע גרויסע פון אונזער צייט זיינען באמת גרויס און אונשטערבלעך קיין באַזונדער פּאָזיטיווע ווערט נישט:

מען קען די קומענדיקע היסטאָריקער און קריטיקער פון דער ליטעראַטור פון אונזער צייט נישט אונטערקויפן, אַזוי צו זאָגן; מיר האָבן אַ רעכט און אַ חוב צו האָבן אונזערע מיינונגען, אָבער פאָראויסזאָגן און אונטערזאָגן די קומענדיקע היסטאָריקער און קריטיקער קענען מיר נישט, ווייל אונז פעלט די פּערספּעקטיוו און דער רעטראָספּעקטיוו מיט וועלכע זיי וועלן פּרייזן און קריטיקירן.

צייט און ווייטקייט קליידט אַמאָל אָן מיט בלוט און פלייש, מיט לעבעדיק לעבן סכעמאַטישע און אידעאישע פיגורן; און די „לעבעדיקע בלוט־און פלייש־מענטשן" וואָס מיר זעען אין די מאָדערנע ווערק, קענען מיט דער צייט באַווייזן נור אַ דינע הויט פון לעבן. אַ צייט־הויט.

---

אָבער וואָס פאַר אַ פּסק דין די צוקונפט זאָל נישט אַרויסגעבן וועגן בערנאַרד שאָ איז אָבער זיכער. אַז בערנאַרד שאָ איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע און לעבעדיקסטע שריפטשטעלער פון אונזער צייט. פונם לעצטן טראַנישן און בלוטיקן יאָר־הונדערט. שאָ'ס וויטאַליטעט. זיין שעפערישער שוואונג איז באמת פענאָמענאַל. און אפשר מער ווי זיינע ווערק וועט זיין פיגור, זיין אויסערגעוויינלעכע פּערזענלעכקייט נאָך לאַנג לאַנג אינטריגירן און שטודירט ווערן. אָט דער סקעפּטישער עפּיקורעער, ניטשעאַנישער סאָציאַליסט און קאָמוניסט און „פּראָפעטישער קלאָון". וועגנטאַרישער ראָמאַנטיק, און רעוואָלוציאָנערער צער בעלי חיים'ניק, פילאָזאָפישער זשורנאַליסט און פּאַראַדאָקסאַליסט. און נאָך, און נאָך — וועט שטענדיק זיין אַ אינטערעסאַנטע טעמע פאַר פאָרטרעטיסטן־פּסיכאָלאָגן, פאַר פאָרשער פונם מענטשן.

אָן אַ שאָ וואָלט אונזער לעבן און דענקען אַסך לאַנגווייליקער געווען. ער האָט אַזוי אָפט לצנות'דיק פּאַראַדאָקסאַל אַמוזירט, אָבער צו דער זעלבער צייט אויך סטימולירט איבערצוקלערן, איבערצושאַצן... ער האָט אָפט לעבע־

ריקע אמתן ארויסגעזאָגט און אריינגעזאָגט אויף זיין „משה קאפּויר" שטיינער. מען האָט געלאַכט, מען האָט אים נישט ערנסט גענומען, אָבער א בייטעם פון ערנסט פלעגט זיין חוזק פאַראַקס דאָך אָפּט איבערלאָזן....

מיט יאָרן צוריק, געדענק איך, האָט שאָ פאַרעפנטלעכט אין אַן ענגלישער צייטונג, א איינציק בריוו וואָס ער האָט געקראָגן פון טאָלסטאָיען.

אין דעם בריוו האָט דער גרויסער רוסישער קינסטלער און מאָראַליסט געטאַדלט שאָ'ן פאַר זיין אַמוזירן די הויכע ענגלישע געזעלשאַפט מיט זיינע רעוואָלוציאָנערע אידעען, פאַר זיין „סאַלאָן סאָציאַליזם" (איך געדענק נישט גענוי טאָלסטאָיס ווערטער).

דער סלאַווישער — ווי דער יידישער — באַגריף פון א נביא, פון א גרויסן שריפטשטעלער און וואָרט זאָגער איז א ערנסטער: ער זאָגט דעם אמת, זיין אמת ווען ער מוז אים זאָגן. ער שפּילט זיך נישט און הנדלט זיך נישט מיט זיינע אמתן ווי מיט פּאַטשערקעס...

איך געדענק דאָס געפיל פון באַליידיקונגען און שטימונג און אַסך יידן האָבן עס געמוזט פילן — אין די טעג פון בעלזן און נירענבערג. ווען יעדער מענטש האָט זיך געדאַרפט שעמען מיט דעם נאָמען מענטש, ווען אין די זעלבע גרויזאַמע און שענדלעכע טעג דערשיינט א בריוו פון שאָ וועגן... רעפאָרמירן דעם ענגלישן אַלפאַבעט, צי וועגן דעם איינקאָם טעקס וואָס ער דאַרף אוועקצאָלן...

רבונו של עולם, האָט זיך ניט ווילנדיק געטראַכט, האָבן שוין די גרויסע מענטשן, די גרויסע אמת און וואָרט זאָגער פון אונזער צייט גאָרנישט דרינגענדערעס און וויכטיקערעס צו זאָגן אין אַזעלכע שענדלעכע טעג?

צו וויפל ענגלישע סאָציאַליסטן האָבן זיך געפילט געקרענקט, ווען אין די יאָרן ווען מוסאָליני און היטלער (ימח שמם) זיינען געווען אין זייער גדולה, האָט שאָ, דער פּיאָנער פונם ענגלישן סאָציאַליזם געפונען פאַר נויטיק אונטערצוואַרפן קאָמפּלימענטן די דיקטאַטאָרן?...

איך האָב זיך געמוזט דערמאָנען אָן דעם בריוו טאָלסטאָיס צו שאָ.

אַמאָל פלעגן מלכים און פּרינצן האָבן הויף־נאַרן וואָס פלעגן זיי מעגן זאָגן דעם אמת; דאַרפן די מאָדערנע דעמאָקראַטישע מלוכות און פעלקער אַזעלכע „הויף־נאַרן" וואָס זאָלן זיי פון צייט צו צייט אריינזאָגן דעם אמת? האָט שאָ געשפּילט דעם „קלאָון" ווייל ער ווייסט אַזוי גוט אַז מענטשן און פעלקער ווילן שטענדיק פאַרשטיין זייערע ערנסטע נביאים, און דער איינציקער „זיבערער" וועג צו זאָגן זיי דעם אמת איז דורך שפּיל?

זיינען די שיינבאַרע ווידעראַנאַטן אין שאָ'ס אַנשויאונגען און אויסערונגען א פּראָדוקט פון זיין מעכטיקן אינטעלעקט, וועלכער שטעלט אים העכער פון אונזערע פּאַרטייאישע לײַדנשאַפטן און ווייען, און זעט דעריבער אַנדערש ווי ווי מיר „וויכטיקייטן" און „קלייניקייטן"...

אויף די פראַגע וועלן די קומענדיקע קריטיקער און היסטאָריקער פון אונזער צייט און פון אונזערע גרויסע מענטשן אפשר קענען פאַרענטפערן.



און בערנאַרד שאָ איז זיכער איינער פון די פאַר צענדליק פּנימער און אַטאַקעס מיט וועלכע אונזער בלוטיק־טראַגישע צייט וועט זיך ווייזן פאַר דער צוקונפט.

---

און ענגלאַנד — און די גאַנצע ליטעראַרישע וועלט — האָט איצט געפייערט שאָ'ס ניינציגסטן געבורטסטאָג ווי ס'איז נאָך קיין שרייבער, דאַכט זיך, נישט געפייערט געוואָרן.

דער פּאָפּולערער „פּענגווין" פאַרלאַג האָט שוין אָפּגעדרוקט א מיליאָן עקזעמפּלאַרן פון זיינע ווערק אין צען בענדלעך.

עס זיינען שוין דערשינען א פאַר זאַמלביכער — מיט בילדער און אילוסטראַציעס — פון עסייען און אָפּהאַנדלונגען פון די פּראָמינענטסטע ענגלישע שרייבער, דיכטער און געלערנטע וועגן שאָ...

אפשר וואָכן פאַר און נאָך זיין געבורטסטאָג זיינען די טעגלעכע און וועכנטלעכע צייטונגען געווען פול מיט אַרטיקלען און „סטאָריס" וועגן שאָ.

דער פאַראַנטוואָרטלעכער אָקספאָרד פאַרלאַג פון „די וועלט קלאַסיקער" האָט איצט ארויסגעגעבן בערנאַרד שאָ'ס „צוריק צו משותלח" מיט א נייער נאָכוואָרט פונם מחבר אין וועלכן ער אליין זאָגט ארויס זיין כאַראַקטעריסטישע מיינונג „אַז די פּיעסע זיינע איז א וועלט קלאַסיק אָדער גאָרנישט".

אין דעם ערשט דערמאָנטן נאָכוואָרט זיינעם, וואָס קאָן באַטראַכט ווערן ווי איין קאָנפעסיאָן, זאָגט ער אויף זיין הומאָריסטישן שאָ שטייגער: „מיין געדאַנק, זאָגט ער, האָט נאָך די פּעאיקייט צו וואַקסן, ווייל מיין נייגעריקייט איז שאַרפער נאָך ווי פריער... מיין נשמה שטייגט ווייטער און ווייטער: און ווען דער לעבנס אימפּעט („לייף פאָרס"; בערגסאָן רופט עס „עלאַן וויטאַל") וואָלט מיר געגעבן א קערפּער וואָס זאָל דויערן אַזוי לאַנג ווי מיין געדאַנק... וואָלט איך נאָך געוואָרן א גאַנץ פעהיקער קאַבינעט מיניסטער אין א הונדערט יאָר אַרום, אונגעפער"....

ווי אונזער הייגע מוז אויך דער סאַטיריקער שאָ שטענדיק אפילו אין זיינע ערנסטע און לירישסטע מאָמענטן אריינפאַלן אָדער ענדיקן מיט א לצנות, מיט א קיבעץ....

ער וואָלט נישט שאָ געווען ווען ער איז נישט אַזוי... און ענגלאַנד, און די גאַנצע וועלט האָט אים ליב אי פאַר זיינע אמתן, אי פאַר זיינע לצנותן, אי פאַר זיינע גרויסע מעלות און אי פאַר די גרויסע אפשר חסרונות...

און נישט נור ענגלאַנד און די ענגליש־שפּרעכנדע לענדער, נור די גאַנצע וועלט פרעסע, ליטעראַטור, סינעמאַ, טעאַטער האָט איצט געפייערט דעם ניינציגסטן געבורטסטאָג פון דעם גרויסן זשאָנגלער פון אידעען, וועלכער האָט אַמוזירט און געמונטערט דעם מענטשלעכן געדאַנק, נישט געלאָזט איינדרימלען דאָס געוויסן און געהאָלפן זוכן וועגן צו א בעסערן און ראַציאָנאַלערן לעבן און פאַרבלאָנדזשן „אַזוי ווייט ווי דער געדאַנק קען דערגרייכן".

ד״ר יעקב מייטליס

# ארויס פון דער ענגשאפט!

(1 ענגלאנד)

שטייען מיר איצטער, 15 חדשים נאכן סוף פון דער בלוטיקער מלחמה, מיט צעבראכענע הערצער און קוקן זיך צו, ווי איין האפענונג נאך דער אנדערער צערינט. די איצטיקע יידישע טראגעדיע, וואס האט איר גלייכן נישט אין דער לאנגער געשיכטע פון דעם הארט־געפרובטן פאלק, האט, זעט זיך אויס, נאך אלץ נישט דערגרייכט איר קולמינאציע פונקט. מיר האלטן זיך נאך אין קייקלען בארג־אראפ. די ענויים און יסורים ווילן אלץ נאך ניט נעמען קיין סוף. דער באדן, וואו די קאטאסטראפע האט זיך אקארשט אפגעשפילט און האט אונז געקאסט 6 מיליאן טייערע יידישע לעבנס, אט דער באדן, האלט נאך, ווי נאך א שווערן ערד־ציטערניש, אין איין טרייסלען זיך און קען זיך דערוויילע נאך נישט בארואיקן. די רעשטלעך פונם אייראפעאישן יידנטום קענען נאך דעם שוידערהאפטן וואולקאן־אויסברוך נישט געפינען קיין מקום מנוחה. אדרבא, די כוואליע פון פארפאלגונגען, פון מארד און פארניכטונג, האלט נאך אין איין שטייגן און יידן, אויסגעמאטערטע, אפהענטיקע, פארביטערטע און פאר־יאוש'טע לאזן זיך פון דאסניי אין וועג אריין. זיי אנטלויפן מהנות־ווייז מיט דעם רעשט פון זייערע כחות פון יענע לענדער, וואו דאס לעבן איז פאר זיי געווארן א נייער גהינום. זיי לאזן זיך אין דער פרעמד אריין אן צו וויסן וואוהין, מיט דעם גלויבן, אז דארט וועט זיך סוף כל סוף דעצידירן דער גורל פון זייער צוקונפט.

גייט אט דער סטיכישער דראנג פון די יידישע מאסן קיין א״י, צו דער אלט־נייער היים, וואו יידן האבן באוויזן פאר די לעצטע עטלעכע צענדליק יארן דעם טויטן, פרוכטלאזן באדן ווידער מחיה מתים צו זיין און אויפבויען א ישוב אויף באנייטע נאציאנאלע און סאציאלע יסודות.

האט אבער דער גורל געוואלט, אז ענגלאנד, מיט וועמען די ציוניסטישע באוועגונג האט איר צוקונפט פארבונדן פאר די לעצטע פאר צענדליק יארן, זאל איצט נאכן סוף פון דער צווייטער וועלט מלחמה אליין שטייען על פרשת הדרכים, פאליטיש אפגעשוואכט, עקאנאמיש פאראָרימט. אינם אנהייב פון א סאציאלן איבערבוי, אין א צערודערטער און פארדולטער וועלט, מורא האבנדיק צו פארלירן איר מאכט־פאזיציע און צוליב דעם מער ווי שטענדיק נוטה צו פאליטישע קאמפראמיסן. ווי שוין אפט אין דער געשיכטע ליגט א״י אויפן גרויסן ברייטן שליאך פון מאכט־ספערן און פעלקער־אינטערעסן און דא טאקע קרייצן זיי זיך מיט דעם גורל פון פאליטישן־ציוניזם. די מורא פאר איר צוקונפט, און אלס קאנסעקווענץ דאס וועלן איינגיין אויף קאמפראמיסן טראגט אין זיך א גרויסע סכנה פאר די צוקונפט פון די פאליטישע באשטרעבונגען פונם ציוניזם. עס איז שוין ביי היינטיקן טאג א פאקט, אז די איצטיקע



ענגלישע רעגירונג, האט זיך איינגעלאזן אויף א וועג פון פשרות און נאכגעבן, וואס האט אלע סימנים פון א סטראטעגישן ריקצוג לגבי דעם ציוניזם.

וואס איז די סבה, פארוואס גראד די היינטיקע ענגלישע רעגירונג האט אזוי מאוס אנטוישט און זיך אפגעזאגט צו דערפילן די הבטחות פון דער ארבעטער־פארטיי צום יידישן פאלק? ווי עס ווייזט זיך ארויס אפעירט מען אין די ענגלישע מאסגעבענדיקע קרייזן מיט א ריי הנחות, וואס דוכטן זיך אבער אויס צו זיין אין גאנצן פאלש.

שוין פאר דער מלחמה האט ענגלאנד אנגעהויבן צו פירן א פאליטיק פון פשרות לגבי די אראבער, צוליב איר מורא, אז די אראבישע וועלט וועט אין פאל פון א מלחמה ניין מיטן צד שכנגד, ד.ה. מיט היטלער־מוסאליני. האט מען דערפאר נאכגעגעבן די אראבער, זיי געפרווט פארשטאפן דאס מויל מיט דער בארימטער „ווייס־בוך״־פאליטיק און גע'טענה'ט, אז דאס איז א צורך השעה, מ'קאן זיך אנדערש נישט העלפן, און אין א צייט פון סכנה מוז מען אזעלכע זאכן ווי יושר און ערלעכקייט פארקוקן. האט אבער די שוחד־פאליטיק געברענגט דעם דערווארטעטן נוצן? היינט ווייסן מיר, אז דאס איז נישט געווען דער פאל. ענגלאנד האט געהאט א ביטערן טעות אין איר חשבון און ס'האט נישט קיין סך געפעלט, אז זי זאל באצאלן מיט א שווערער מפלה אינם קריג, בשעת ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז די אראבישע פרינצן האבן זי נאר אפגענארט. און אין די שווערע שעה'ן פון ענגלאנד'ס ביטערן נעראנגל האבן זיי גענומען שטארק פלירטעווען מיטן שונא: אין איראק האט נאר אויף אן ערנסט געמאכט יד אחת מיט היטלערן. שוין פון מופטי און זיין פארברעכערישער פאליטיק גאנץ צו שווייגן.

נייט מען היינט איבערחזרן דעמזעלביקן טעות, בעת א נייער דינאמיש־פאליטישער פאקטאר האט זיך באוויזן אויפן האריזאנט? גלויבט מען, אז מיט פשרות איפן חשבון פון ציוניזם וועט מען אפציען די אויפמערקזאמקייט פון דעם אראבישן כלל פון דעם קאמוניזם, האמעווען די אנטוויקלונג פון די אראבישע מאסן און זיי מאבילוזירן לטובת ענגלאנד? אויב דאס איז די הנחה, אויב דאס איז די איצטיקע פאליטישע ליניע פון דער ארבעטער רעגירונג, וועט זי זיך ווידער ארויסווייזן פאר פאלש, ווייל זי איז עלול צו ברענגען אנטוישונג פאר ענגלאנד און פארביטערונגען פארן יידישן כלל.

מ'האט דאך געזאלט דערווארטן, אז די ארבעטער רעגירונג (וואס פירט אן, אגב אורחא, מיט א קאנסעקווענט סאציאליסטישער פאליטיק אין דער היים) וועט מלכתחלה אויסן זיין איינצופירן פראגרעס און אנטוויקלונג צווישן די אראבישע מאסן און זיי ברענגען א שטאפל נענטער צו דעם סאציאליסטישן עתיד לבוא. אנשטאט דעם ווייזט די רעגירונג ארויס א שוואכן חוש פאר די אינטערעסן פון די הארפאשנע מאסעס אינם נאענטן מזרח און פארבינדט זיך נאר מיט זייערע דם־שונאים, די אראבישע פרינצן און פריצים, וועמענס פאזיציע זי איז אויסן צו באפעסטיקן, אז קיין קאמוניסטישער ווינט זאל זי נישט קענען באשעדיקן. טום מען אלצדינג כדי נושא חן זיין אין די אויגן

פון די אראבישע מושלים און פאר זיי איז מען אויך מקריב די בשותפותדיקע יידיש־ענגלישע אינטערעסן אין א״י.

איז דאס בלויז פאליטישער שגעון? ניין. עס זיינען דא אויך פארוויקלטע עקאנאמישע אינטערעסן, די אראבישע פרינצן ציען נישט נאר אן דעם מערב (און די פאראייניקטע שטאטן בתוכם) צוליב זייער עקזאטישער ראמאנטיק, נאר טאקע אויך צוליב א פיינעם נדן, וואס זיי טראגן אריין אינם קאן. עס איז אייל. צוליב אייל מעג מען שוין מותר זיין אויף פרינציפן, אייל באדייט אין א מעכאניזירטער וועלט מאכט און דאס מיינט מער ווי מאראל. (האט אויך סאוויעט־רוסלאנד אונטערגעווינדיקט מיט אביסעלע אייל אין פערסיע —און מ׳האט שוין פארגעסן דערפון!) היינט, קען מען אויף א וועלט פאראיבל האבן, פארוואס איר געפעלט בעסער דער אראבישער התן מיט זיין פעטן (אייל־) נדן, בעת דער יידישער צד קומט מיט א לעדער האנט און א חוץ אביסל מאראל איז זיין באגאזש נאר אן ארימער. ווער האט דאס היינטיקע צייטן דעם קאפ און די צייט עוסק צו זיין אין הלכות מאראל. א מסכתא וואס ליגט ערגעץ וואו פארווארפן צווישן אלטע שמות. דאס שמעקט דאך מיט לויטער בטלנות. דער כח פון אייל איז בילכער.

און די ביטערע, אמביטנע אראבישע פרינצן און פריצים פארשטיין אויפן וואונק און טוען אזוי ווי מ׳הייסט זיי, זיי טאנצן אונטער צו דער מוזיק, וואס קומט פון ווייטהאל. עס לוינט זיך זיי דער עסק.

פארגעסט אבער די ארבעטער־רעגירונג איין זאך, אז דער אראבישער קנה רצוץ האט זיך שוין אזוי אפט ארויסגעוויזן אלס זייער א וואקלדיקער אנליין און אז אויך היינט איז ער נאר א פוסטע פאסאדע. די, וואס שטייען הינטער איר, די אראבישע מאסן, וועלן אפשר גארנישט זיין אזוי אנטציקט פון די צוקער־זיסע ווערטער מיט וועלכע מען פאשעט זייערע מושלים, אז מ׳איז אויסן נאר זייער טובה, און אז מען מיינט דאס שיצן די אראבישע אינטערעסן פון די אומגעבעטענע קאמוניסטישע בעלי־טובות. עס קאן גרייליך געמאלט זיין, אז אין איין שיינעם העלן טאג וועלן זיי זיך אפשר גאר ווארפן אין די ארעמס פון יענער גרויס־מאכט, וואס וועט אויסנוצן זייער שווערע סאציאלע לאגע פאר איר פאליטישע צוועקן. וועט דעמלט ענגלאנד זיך נעמען שטיצן אויף די פרינצן און אראבישע לארדן, ווען די מאסן וועלן אויפשטיין אקעגן זיי? וועט דער איצטיקער פאלשער צוגאנג צום א״י־פראבלעם האבן א וועלכע ס׳איז השפעה אויף דער פאליטישער לאגע? וועט מען זיך מיט דעם קרבן פון ציוניזם האבן אויסגעקויפט א צופרידענע און א רואיקע צוקונפט?

אונז ווילט זיך דוכטן, אז דא ליגט דער קארדינאלער פעלער פון דער איצטיקער ענגלישער א״י פאליטיק, א פאליטיק, וואס האט נישט אויפצעוויזן נישט קיין וויזיע, נישט גענוג איניציאטיוו און נישט קיין ברעקל פסיכאלאגיש פארשטענדעניש. זי איז אויפגעבויט אויף קורצזיכטיקייט און פאליטישן קאנסערוואטיזם, וואס לאזט זיך פארפירן פון דעם ראמאנטישן גלאנץ פון די יחוסדיקע אראבישע הויפן און וויל נישט זען הארטע, פאליטישע און



ממשותדיקע רעאליטעטן. און לאז מען אונז מוחל זיין, אויב מיר וועלן צוגעבן פסיכאלאגישע און מאראלישע ווערטן. אין דער ראמאנטיק פונם 19־טן יארהונדערט, וואס האלט ביים פארשווינדן, גלויבט מען נאך צו זען א מאכט. וואס מען וויל בכל מאמצי כחות דערהאלטן, בעת אבער דער גרויסער קאנסטרוקטיווער און פראגרעסיווער כח פונם יידישן ישוב פארן נאענטן מזרח בכלל ווערט אין גאנצן אונטערגעשאצט.

עס איז קלאר פון די ביזאיצטיקע שאך־צוגן פון דער ענגלישער רעגירונג, אז אונזער כח אין דעם פאליטיש־עקאנאמישן משא ומתן, ווערט גאר ווינציק אפגעשאצט. וואס פאר א וואונדער! נישט אומזיסט האט א וועלט זיך צוגעקוקט פאר די לעצטע זעקס יאר צו אונזערע איבערמענטשלעכע ענויים און געזען אונזער גרויסע שאנד, אונזער הילפלאזיקייט. האט דאס אפנים געווירקט. האט מען זיך ארומגעקוקט און אויסגעפונען, אז סי־ווי־סיי קען מען טאן מיט יידן, וואס מ׳וויל. קיינער וועט זיך פאר זיי נישט אננעמען. אמת, לפי שעה איז עס אומבאקוועם, עס איז א גערודער. אבער די וועלט פארגעסט עס שנעל און מען גייט אריבער צום סדר־היום ווי קיינמאל נארנישט. אפשר איז נאר א סברא, אז מען קען זיך באגיין אן יידן. סוף כל סוף ברויכן זיי דאך די וועלט א סך מער, ווי די וועלט ברויך זיי. טא וועלן זיי שוין נאכגעבן. יידן זיינען דאך שוואך. און דער פאקט, אז זיי זיינען צוזייט און צושפרייט איבער דער וועלט, מאכט פון זיי א גוטן משכון. אז אויב מען וויל, קען מען אין זיי אנרייצן דעם אנטיסעמיטישן וואלף, א גוטע סגולה, אז יידן זאלן פאלגן...

פרובט טאקע די מאנדאטאר־מאכט צוביסלעך צו שלאגן קאפיטאל פון דער לאגע. יידן האבן אדורכגעמאכט א וועלט מיט צרות, זיינען זיי אומרואיק, פארביטערט, דערנערווירט, שטעלן זיי פאדערונגען, הערט זיך צו זיי קיינער נישט צו. זעען יידן, אז דער „הקול קול יעקב" פועלט נישט, נעמט מען זיך צו דעם אומנות פון עשו׳ן, די „הידים ידי עשו". דאס האט שוין די וועלט גארנישט ליב. ווערט א ייצעקו, ס׳טויטש, דאס האט מען דאך פון יידן נישט דערווארט! אין דער צעמישעניש כאפן דערווייל יידן אריין קלעפ און די רעגירונג, וועלנדיק זיך אויספיינען פאר דער וועלט, האבן א׳שטיקל כסות־עינים. לאזט ארויס נייע „ווייס ביכער" און באווייזט מיט אותות ומופתים, וואס פאר א נעסט פון טעראריסטן און באנדיטן דער ישוב איז, און מען נעמט זיך טאקע ביד רמה אויסצוראטן דאס שלעכטע, מיט מיטלען, וואס זיינען נישט שטענדיק אזוי ווי ס׳באדארף צו זיין.

און עס איז אינטערעסאנט פאר דער לאגע אין וועלכער יידן געפינען זיך ביי היינטיקן טאג, אז חוץ די זעקס הונדערט טויזנט יידן אין א״י האבן אוועקגעשטעלט יסודות פאר א ניי לעבן, האבן אריינגעטראגן א געוואלטיקן קולטור צושטייער צו דער אנטוויקלונג נישט נאר פון א״י, נאר פון גאנצן נאענטן מזרח, הערט מען זייער ווייניק. כמעט גארנישט ווערן אט די פאנ־

טאַסטישע דערגרייכונגען. ווען אָבער עטלעכע הונדערט פּאָליטיש־נאַאיווע בחורים און מיידעלעך, מיט אַ האַרץ פול מיט ווייטאָג און איבערגעהיצטע קראַנקהאַפטע מחות, וואַרפן באָמבעס, דעמאָלט רעדט וועגן זיי די גאַנצע וועלט און די שולד פאַלט אַרויף אויף דעם גאַנצן יידישן כלל. ווי האָט דאָס די וועלט געלערנט צו פאַרקוקן אַלע אונזערע מעלות און ווי וועגט און מעסט מען דאָס אַזוי גענוי אונזערע חסרונות!

אַז עס וואַלגערן זיך אַרום טויזנטער יידן אויף די שליאַכן און וועגן פון אייראָפּע, אַז עס שמאַכטן נאָך היינט, 15 חדשים נאָכן סוף פון דער מלחמה, צענדליקער טויזנטער היטלער־קרבנות אין די לאַגערן, פאַרצערטע פון יאוש און האָפענונגסלאָזיקייט, — וועמען אַרט דאָס, די וועלט האָט זיך שנעל, צו שנעל צעגוואוינט צו אונזערע ליידן. זי האָט צייט און די אַנדערע מוזן האָבן געדולד. זיי מוזן זיין גוטע דזשענטלמענער.

ווילן יידן בעל־כרחה גיין קיין א"י, פּילן אַן פאַרצווייפעלטע, אויסגעמאַטערטע רעשטלעך, וואָס ראַטעווען זיך פון דער באַפלעקטער און פאַרבלאָטיקטער ערד אין אייראָפּע, קליינע, בידנע שיפלעך און ווילן אַנטלויפן אַהיים, — מאָביליזירט די מאַכט קעגן די דאָזיקע „פאַרברעכער" אַ טייל פון ענגלישן פלאָט, אַ גאַנצע אַרמיי סאָלדאַטן מיט אַלע מיני מאָדערנע קריגס־מכשירים, כדי אָפּצושטעלן די עולים. און עס פאַרשטייט זיך, אַז די קליינע שיפלעך מיט די טויזנטער אומבאַוואָפנטע פרויען, מענער און קינדער — ווערן גיך באַזיגט פון דער מיליטער־מאַכט, עס איז אַ נצחון אויף דעם גאַנצן פראָנט.

יידן ווערן פון די ברעגעס פון א"י פאַרשלעפּט און דעפּאָרטירט קיין ציפּרוס (דער אַמאָליקער אי קפריסין) און ווי אין די אַלטע צייטן נאָכן חורבן ירושלים, ציען זיך איבערן מיטללענדישן ים גאַלערייען מיט מאָדערנע שבוים, מענטשן פאַרטריבענע, אָן היים און אָן האָפענונג.

וועט זיך ענגלאַנד פאַרט נישט פאַרטראַכטן, וועט זי נישט אָפּשטעלן אָט די עולות? וועט דאָס געוויסן פון דעם גרויסן פאָלק, וואָס האָט אַזוי אָפט אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש פאַר די שוואַכע, אין נאָמען פון מאָראַל און רעליגיע געפאָדערט גערעכטיקייט פאַר די אונטערדריקטע, שווייגן?

ענגלאַנד'ס סימפּאַטיעס פאַר דעם יידישן פאָלק זיינען טיף־פאַרוואָרצלטע אין דער רייכער קולטור פון פאָלק. מלוכה־מענער און דיכטער האָבן פאַר איבער אַ יאָרהונדערט געחלום'ט דעם שיינעם חלום פון אַ יידישער ווידעראויפלעבונג אין א"י. איז עס מעגלעך, אַז דאָס אַליין זאָל ווערן פאַרגעסן? קען מען פאַרגעסן די גרויסע און איידעלע טאַט פון אַ לאָרד באַלפור? בעיקר טאָרן מיר יידן דאָס אַליין נישט פאַרגעסן, מיר, וואָס האָבן מיט אַ געזונטן פּאָליטישן חוש פאַרבונדן דעם גורל פון ציוניזם מיט ענגלאַנד. מיר טאָרן און קענען נישט פאַרלירן די האָפענונג אין דעם חוש פאַר גערעכטיקייט, וואָס לעבט אַזוי שטאַרק אין יעדעם איינצעלנעם מענטש פון ענגלישן פאָלק.

אָבער ענגלאַנד גופא מוז אַרויס פון דער זאַק־גאַס. זי מוז אַרויס פון



דער קינסטלעך־געשאַפענער פּאָליטישער ענגשאַפט. זי מוז אין איר אייגענעם אינטערעס, ווי אינם אינטערעס פון הומאַניטעט, פון יושר און פּראָגרעס געפינען צוריק איר וועג צום יידישן פאָלק. זי מוז האָבן קוראַזש צוצוטרעטן צו דעם אָנגעוויטאָגטן פּראָבלעם און מיט דער וויזיע פון אַמאָליקע ענגלישע גדולים אָנווייזן אַ נייעם, מענטשלעכן, קאָנסטרוקטיוון, און יושרדיקן וועג. זי מוז געבן אַ ביישפּיל פאַר דער ציוויליזירטער וועלט, ווי זי נעמט זיך לייזן דאָס פּראָבלעם פון יידישע אויפלעבונגען אין א"י אינם ראַמען פון דער אַראַבישער קולטור־וועלט.

ניין, ענגלאַנד טאָר נישט דערלויבן, אַז עס זאָלן בידים צושטערט ווערן די האָפענונגען, וואָס דורות יידן האָבן אויף איר געלייגט. זי מוז העלפן בויען די בריק, וואָס איז נאָר צייטווייליק געוואָרן איבערגעריסן, און וואָס הייסט יידיש־ענגלישע פריינטשאַפט און קאָאָפּעראַציע. פּונקט ווי מיט יאָרן צוריק, מוז דאָס היינטיקע ענגלאַנד האָבן פאַר אירע אויגן דאָס בילד פון אַ געזונטן, בליענדיקן ישוב אין א"י, וואָס וועט קענען זיין אַ ברכה און אַן אָנזאָג פאַר דעם באַרג־אַרויף פון אַלע פעלקערשאַפטן אינם נאָענטן מזרח. זי מוז צוהעלפן אין דעם גרויסן אַקט פון באַפרייאונג און באַנייאונג, וואָס האָט זיך מיט קאַרגע צוויי דורות צוריק אָנגעהויבן שפּינען אויף דעם אַלט־נייעם באָדן פון א"י.

### 2) מיר יידן

אָבער אויך מיר יידן מוזן אַרויס און וואָס גיכער פון דער איצטיקער ענגשאַפט.

זיי זיינען געווען מענטשן פון טאַט, זיי, די יונגע, שטאָלצע יידן די מעפּילים, וואָס האָבן גענומען מיט אייגענע כחות שפּאַנען אויפן וועג פון גאולה, פון זעלבסט־אויסלייזונג. זיי, די אייניקלעך פון די אַמאָליקע לומדים, די אייזערנע קעפּ, די מקובלים און חסידים, האָבן נישט מער געוואָלט וואַרטן. זיי האָבן דערשפּירט אַ טיפע אומרו אין האַרץ און אַ שאַרפן באַגער צו מעשים. זיי האָבן דערפאַר געוואָלט אַראָפּברענגען די גאולה נאָך אין זייערע טעג, נישט זיצן און וואַרטן אויף נסים. דען וויפל איז דאָס דער שיעור צו וואַרטן, ווי לאַנג קען מען דאָס אויסהאַלטן, אַז די מאָס פון פּיין און יסורים איז שוין פול, אַז עס איז שוין כלו כל הקצין?

עס איז אין דער אמתן געווען אַן אומגעדולדיקער, צאַפּלדיקער דור, וואָס האָט וואָס שנעלער זיך געוואָלט דערנענטערן צום סוף, אַן עק מאַכן צו די צרות, פּטור ווערן פון גלות און מקרב זיין די גאולה. אויב שוין נישט בידים אַראָפּברענגען, דערצווינגען די אויסלייזונג. עס זיינען געווען די דוחקי־הקץ, מיט וועלכע אונזער געשיכטע איז אַזוי רייך, וואָס האָבן פּראָטעסטירט, וואָס האָבן נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זיך צופּאַסן צו די גלות־באַדינגונגען און זיינען געוואָרן מורדים, רעבעלן, וואָס האָבן גענומען שטורמען פאָרויס, אַרויס פון דער אייגענער ענגשאַפט. מ'האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז דאָס וואַרטן פירט צו נאַרגישט, אַז דאָס לעבן צערינט פּאַסיוו אונטער די

הענד און די באַפרייאונג קומט נישט; האָט מען וואויל־ייִנגעריש א שפּיי געטאַן אויף די פאַרעלטערטע נסים־קאַנצעפּציע און גענומען דעם גורל אין די אייגענע הענד אריין.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די מאָדערנע שיבת ציון באַוועגונג. ייִדן זיינען געגאַנגען קיין א״י נישט אַלס פּליטים, אַלס אַנטלאָפענע, אַלס מוטלאָזע און צעבראָכענע, נאָר אַלס צוריקגעקומענע, אייגענע, פּונקט ווי זיי וואָלטן ערשט געווען געגאַנגען אַוועק, אַנטשלאָסענע אויפצובויען די אַלטע, צושטערטע היים. זיי האָבן זיך צוגעהערט צו די שטים פון זייער אומרואיק בלוט און גענומען פאַרווירקלעכן דעם אַלטן חלום פון שיבת ציון, מיט חדוה און יו״ט־שטימונג, מיט פרייד און ברען אין האַרץ, מיט א פייערדיקן גלויבן אין דער נשמה. האָבן זיך ייִנגע מענטשן אַוועקגעלאָזט אין דער וויסטעניש און זי און זיך באַצוואונגען. די אַלטע, דורות־לאַנג אויסגעטראָגענע בענקשאַפט צו גאולה און ציון, האָט געשפּייזט די אידעאַלע הערצער פון יענע חלוצים, וואָס האָבן זיך גענומען אויסטריקענען די זומפּן און יעדן שפּאַן באָדן אויסוואַשן מיט זייער שווייס און בלוט. עס איז געווען די פרייד פון באַגינען, פון נײַ־געבוירענקייט, וואָס האָט באַגלייט די טויזנטער חלוצים אויף זייער האַרטן, שטיינערנעם וועג אין דער אַלטער היים. די וויסטעניש, וואָס האָט פאַר קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר געהאַלטן פאַרכישופט די אַמאָל פרוכטבאַר ערד, האָבן ייִנגע, געזונטע, ווילן־שטאַרקע ייִדן מיט א סך ליבשאַפט און מסירת נפש גענומען אַנטצויבערן און זי מאַכן ווידער פריי, גרין און אויפבליִען. מיט די נייע שפּראָצונגען האָט זיך אויך אָנגעזאָגט א נייער לעבנס־ריטם, א נייער לעבנס־אינהאַלט. אויפן אַלטן יסוד האָט מען גענומען בויען א נייע לעבנס־אָרדענונג, א ייִדישע און א סאָציאַלע, א נאַציאָנאַלע און א הומאַנע, — דאָס אַלטע האָט מען גענומען איבערגיסן אין נייע פאָרמען.

איז דאָך טאַקע דער הויפּט־שטריך פון אונזער אַרבעט אין א״י פון תמיד אָן געווען א מאָראַליש־עטישער. דער גייסטיקער יסוד פון חלוציות איז געווען דער דראַנג צו מאָראַלישע טאַטן. דער ווילן צו זעלבסט־באַנייאונג. מיר זיינען נישט געגאַנגען קיין א״י אַלס אונטערדריקער, אַלס עקספּלואַטאַטאָרס און דעראָבערער, אונזער „כלי־זין" זיינען נישט געווען אַרמייען און האַרמאַטן. מיר זיינען געקומען קיין א״י אַלס פרידלעכע מענטשן, אַלס פּיאָנערן מיט דעם אידעאַל פון באַזיגן די מדבר דורך אייגענע אַרבעט. אונזערע מלחמה־מכשירים זיינען געווען די אַקעראייזנס און שניט־מעסערס און א גרויסער טיפער גלויבן אין אונזערע הערצער. דער ייִדישער אַרבעטער, דער פּיאָנער, דער טרעגער פונם פאָלקס־אידעאַל, האָט אין דער אַרבעט אויסגעגראָבן א קוואַל פון נייעם גלויבן. מיט דערזעלביקער דבקות, מיט וועלכער אונזערע טאַטעס און זיידעס האָבן עוסק געווען אין קבלה, געפּראַוועט חסידות, געלערנט און געדאַוונט, האָבן שפּעטער חלוצים געאַקערט, געזייט און באַפרוכטפּערט דעם באָדן פון א״י. זיי האָבן אויך זיך מקבל באהבה געווען די יסורים פון א״י.



עס איז געווען אַן אַלטע ירושה אויסגעוואַקסן און אויסגעהאָדעוועט אין א מאָראַליש־רעליגיעזן קלימאַט פון דורות־לאַנגער אינעווייניקסטער אַרבעט, וואו מאָראַלישע אַקטיוויטעט איז געוואָרן איבערגעגאָסן אין א מאָדערנעם דינאַמיזם, אין נייע פאָרמען און ווערטן. די התלהבות פון די חסידים, די בענקשאַפט פון די מקובלים האָט געפונען א גלגול אין די טרעגערס פון דעם אויפבוי־און באַנייאונגס־ווערק אין א״י.

אין דעם האָט געשטעקט אונזער כח, דאָס איז געווען דער סוד פון אונזער דערפאָלג. דאָס האָט אונז געגעבן דאָס רעכט צו קומען צו דער וועלט מאָנען און פאַרלאַנגען גערעכטיקייט פאַר אונזער זאַך. מיט דרך־ארץ און יראת הכבוד האָט טאַקע די וועלט־עפנטלעכקייט געקוקט אויף די פּלא'דיקע פאַרוואַנדלונג פון א״י פאַר די לעצטע 25 יאָר און אַלץ מער איינגעזען דעם וועלט־היסטאָרישן באַטייט פון אונזער אויפבוי־אַרבעט נישט נאָר פאַר פּאַלעסטינע נאָר פאַר דעם גאַנצן נאָענטן מזרח.

די טראַגישע געשעענישן אין אייראָפּע פאַר די לעצטע 6 יאָר האָבן אָבער געצייטיקט א קאָנצעפּציע, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט נאָר פאַר זינלאָז נאָר אויך פאַר געפערלעך. אודאי זיינען מיר אַלע געוואָרן תהומותדיק אויפגעציטערט מיטן בלוטיקן ס״ה נאָך אייראָפּעאישן ייִדנטום. אודאי טוט וויי דאָס האַרץ, ווען מען קוקט זיך צו, ווי מיר ווערן, משטיינס געזאָגט, איצט, נאָך די מוראדיקע קאַטאַסטראָפע באַהאַנדלט, ווי מ'מאַכט ממש חוזק פון אונזערע ליידן און מען באַהאַנדלט גראָב און ציניש אונזערע באַרעכטיקטע און איבערגעווייטיקטע פאָדערונגען. נאַטירלעך קאָכט אין אונזער אויסגעבלוטיקט האַרץ א געפיל פון שאַנד און הילפלאָזיקייט, בשעת מיר זיינען נישט בכח צו העלפן אונזערע אָרימע, דערשלאָגענע ברידער און שוועסטער, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט נאָך די שרעקלעכע עינויים. אודאי האָט די איצטיקע בריטישע רעגירונג אַרויסגעוויזן לגבי אונז נישט נאָר א מאַנגל אין פאַרשטענדעניש פאַר אונזערע ליידן און פּראָבלעמען. נאָר איר גאַנצע אויפפירונג איז געווען טאַקטלאָז און אומגעלומפּערט, אפילו ווען זי האָט שוין יאָ עפּעס געוואָלט טאָן פאַר אונזערטוועגן. צי איז דען געווען אַזוי שווער פאַר דעם סאָציאַליסטישן קאַבינעט פון דעם זיגרייכן ענגלאַנד אויסצושטרעקן א האַנט, מאַכן א פריינדלעכן זשעסט צו די קרבנות פון היטלערן, זיי צו ווייזן, אַז סוף כל סוף זיינען זיי נישט אש און בלאָטע, אַז ייִדיש בלוט איז נישט סתם הפקר? אָט דאָס אַלץ איז נישט געשען, און אַז עס טוט וויי, אַז עס ברענט אויפן האַרצן, איז דאָך קלאָר, איז דאָך אַזוי פאַרשטענדלעך.

פונדעסטוועגן מוזן מיר גאַנץ אָפן זאָגן, אַז אונזער רעאַקציע איז נישט שטענדיק געווען ווי געהעריק. הגם עס איז שווער צו זיין קריטיש אין א צייט פון עינוים און יסורים, טאָרן מיר אָבער פאָרט נישט פאַרשווייגן אונזערע פעלערן און פאַרגלעטן די ווילדע מעשים, וואָס אומפאַראַנטוואָרטלעכע אויפגעהעצטע געמיטער האָט אָפּגעטון אויפן חשבון פון כלל ישראל און די ציוניס־

מישע באַוועגונג. אין זייערע מעטאָדן צו פאַרטיידיקן דעם כבוד פונם יידישן פאָלק, זיינען זיי ליידער אַוועק צו ווייט. מ׳האָט פאַרגעסן, אַז דער יסוד פון אונזער אויפבוי־אַרבעט אין א״י איז געווען אַ מאָראַלישער און אַז אָן דעם פאַרלירט די שיבת־ציון־באַוועגונג איר זין און אינהאַלט. אין דעם קאַמף פאַר אונזערע רעכט האָט מען זיך אָפט באַנוצט מיט אַזעלכע מיטלען, וואָס זיינען בשום אופן נישט אין הסכם מיט די הייליקע פּרינציפּן פון אונזער גרויסן גאולה־חלום.

דער יונגער דור אין א״י איז אַן אידעאַליסטישער און אַ מוטיקער, מענטשן, וואָס זיינען גרייט פאַר די גרעסטע קרבנות. מוז מען זיך אָבער זער היטן זייער גלויבן נישט צו פאַרפירן, זייער אידעאַליזם נישט צו פאַרפעלשן, ווייל דאָס איז עלול צו ברענגען אַ ירידה אין דער באַוועגונג. איז מען אָבער נישט תמיד געווען אַזוי פאָרזיכטיק און אָפּגעהיטן מיט ווערטער. האָט מען דערוועקט האָפענונגען, געשטאַרקט מיינונגען, געלויבט העלדישקייטן, וואָס האָט דערפירט צו אַזאַ פּסיכאָלאָגישן מצב, וואָס האָט ממילא צוגעגרייט דעם באָדן פאַר קאַמף און שפיכת דמים. עס איז פאַרשטענדליך, אַז מ׳האָט געוואָלט זיין נישט געפאַלן ביי זיך, שטאַרק, נישט לאָזן זיך טרעטן מיט די פיס, אַרויסווייזן גבורה. איז דאָס אפשר דאָס גוטע רעכט פון יוגנט. פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָליטיקער, וואָס האַלטן דאָס פּאָליטישע משקולת אין דער האַנט, מוזן אָבער שטיין אויף דער וואַך, וועגן און מעסטן זייערע ווערטער, בפרט אין אַ שעת הסכנה, און נישט דערלויבן, אַז אַ סיטואַציע זאָל זיך אַנטוויקלען, וואָס קען חלילה פירן צו אַ קאַטאַסטראָפע.

עס זעט זיך אויס, אַז מיר גופא האָבן נישט געקאָנט אונטערשיידן צווישן וואונטש און רעאַליטעט, צווישן סימפּאַטיע און אַקטיווער הילף און אַ היבש ביסל אונטערשאַצט דעם צד שכנגד, איבערשאַצנדיק דערביי די אייגענע כחות און די מעגלעכקייטן פון קאַמף. מיר האָבן אָנגעהויבן גלויבן, אַז מיר זיינען געוואָרן אַ וויכטיקער פּאָליטישער פאַקטאָר, וואָס קאָן מאַכן פּאָליטיק אויף דער אייגענער האַנט. מען האָט ערמוטיקט אין געוויסע קרייזן אַ גוזמאדיקע איבערשאַצונג פון אונזערע כחות און פון דער פּאָליטישער קאָנסטעלאַציע בכלל, בעת אין דער אמתן זיינען מיר דאָך געווען שוואַך און געהאַט גאָר ווייניק ערנסטע, ערלעכע און איבערגעגעבענע פריינד. אויף וועמען מיר זאָלן זיך קענען פאַרלאָזן.

אין דער שעה פון קריזיס האָבן אונזערע נערוון נישט אויסגעהאַלטן די פּראָבע. די דערוואַרטונגען זיינען צו שטאַרק, צו אינטענסיוו. מיט אַן אומרו אין האַרץ און אַ שפּאַנונג אין קאָפּ האָט מען טאָג־איין, טאָג־אויס אַרויסגעקוקט אויף די גאולה, וואָס האָט זיך אָבער פאַרשפּעטיקט. די פאַרביטערטקייט און דער יאוש צוליב די שווערע אַנטוישונגען זיינען געווען אין לשער. טיילן פון אונזער יוגנט זיינען געוואָרן באַהערשט פון אַ מאָראַלישער און גייסטיקער צעטומלעניש. וואָס האָט געמוזט דערפירן צו טרויעריקע קאָנסעק־



ווענצן. אַ ווילדער שגעון, וואָס האָט קולמינירט אין דעם אַלטן, מסוכנ׳דיקן כלל פון „אַלץ, אָדער גאָרנישט“, אַ נאַציאָנאַלער ניהיליזם, וואָס איז געווען גרייט מקריב צו זיין אַלץ, פאַר דער דערגרייכונג פון זיינע מאַקסימאַלע צילן, האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע גאַס. ברויכן מיר צו דערמאָנען, אַז די דאָזיקע פאַטאַלע פּאָליטיק האָט שוין אַמאָל געבראַכט צו דעם אונטערגאַנג פון אונזער מלוכה׳שקייט? אָבער בעת דעמאָלט איז לכל הפחות געווען אַן אַלטערנאַטיוו פון אַ יבנה, וואָס האָט אין דער אמתן איבערגעלעבט אַלע שפּעטערדיקע קאַטאַסטראָפעס, האָבן מיר היינט נישט די גייסטיקע כחות און די שאַפערישע גרויסע פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל אויסבויען אַ נייע יבנה, טאָמער זאָל חלילה דראָען אַ סכנה דעם צאַרטן ישוב אין א״י אין דעם איצטיקן קריזיס.

דער שגעון האָט נאָך געצייטיקט זיינע ביטערע פּרוכטן. די גאַס איז געוואָרן באַהערשט פון אַ מלחמה היפּנאָז מיט אַלע פּישטשעווקעס פון אַ מאָדערנער מלחמה־פירונג. אַ מלחמה־שטימונג האָט באַגלייט אַלע אונזערע אַקציעס. די מלחמה איז געווען קעגן ענגלאַנד. די עקסטרעמע עלעמענטן אין זייער צעטומלעניש האָבן באַלד געפונען אַ היתר פאַר אַזעלכע מעשים תעתועים, וואָס האָבן אויפגעציטערט אונזערע הערצער און באַדעקט אונזערע פּנימער מיט שאַנד. דער הייליקער גייסט פון דעם העלדישן קאַמף און ווידערשטאַנד אין די געטאָס פון פּוילן, האָט דאָ אָנגענומען לחלוטין נעגאַטיווע פאָרמען. די הייליקייט פון אונזער קאַמף איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט און פאַרפלעשט. דאָס איז נישט דער וועג צו גאולה, וואָס דורות יידן האָבן אויסגעוויטיקט אין זייערע הערצער און מיט אַ מורא׳דיקער עקשנות אויסגעטראָגן, און וואָס האָט זיך אין אונזער נייעם גאַנג קיין א״י גענומען פאַרווירקלעכן.

האָט אונזער „מלחמה“־טאַקטיק עפּעס געפּועלט? ליידער מוזן מיר זאָגן, אַז די רעזולטאַטן זיינען געווען לגמרי נעגאַטיוו. להיפוך, מיר האָבן נאָך אַ סך פאַרלוירן. ווי האָט עס דען געקענט אַנדערש זיין? זיינען מיר דאָך די פיזיש שוואַכערע אָן אַ צד אין דעם קאָנצערט פון די וועלט־מאַכטן. אונזער חשבון איז געווען אַ פאַלשער און מיר זיינען די איבערגעפירטע. דער היסטאָרישער גורל פון א״י האָט געוואָלט, אַז עס זאָל ליגן על פרשת הדרכים, דאָרט, וואו עס קרייצן זיך די אינטערעסן און מאַכט־ספערן פון די גרויסע מלוכות. שטויסן זיך דאָ מאַקע צונויף די אינטערעסן פון ענגלאַנד און אַנדערע מלוכות. און פאַר דעם אימפּעריאַליסטישן ענגלאַנד שטייט אין קאָן זיין מאַכט־פּאָזיציע אינם נאָענטן מזרח. די יידישע פראַגע איז דערפאַר פאַר אים געוואָרן פון אַ סעקונדערער באַדייטונג.

אין דעם פאַקט ליגט אפשר די גאַנצע טראַגעדיע פונם ציוניזם ביי היינטיקן טאָג. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז מיר מוזן זיך אָפּזאָגן פון צו קעמפן פאַר אונזער גרויסער זאַך. דער קאַמף מוז אויפגעפירט ווערן אויף אַן אַנדערן פּלאַן, מיט אַנדערע מיטלען און געענדערטע מעטאָדן. נישט קיין מלחמה־יידישקייט מיט אַ הוראַ־פּאַטריאָטיזם וועט צוגעבן כח און האָפענונג פאַר דעם

שווערן קאמף פאר אונזער צוקונפט. טעראריזם, סיי פון דרויסן סיי פון אינעווייניק, איז א גרויסע סכנה פאר דעם פרייען גייסט, וואס מיר האבן גענומען אויפלעבן אין דעם נייעם א"י. מיר טארן נישט מותר זיין אויף די אייביקע ווערטן צוליב א טאקטישן און אפילו אויך א צייטווייליקן דערפאלג. מיר מוזן אפהיטן, בעיקר אין אן עת צרה ווי דער איצטיקער, די ריינקייט פון דער באוועגונג און די ליכטיקייט פון דעם אידעאל. דער גורל פון א"י און פון דעם כלל־ישראל שטייט אויף דעם משקולת.

מיר מוזן ארויס פון אונזער איצטיקער ענגשאפט. מיר מוזן צוריק געפינען דעם וועג צו א פראקטישער, קאנסטרוקטיווער פאליטיק. דער גורל פון ציוניזם איז בלי ספק אויף לאנגע יארן פארבונדן מיט ענגלאנד. אונזער ציל דארף דערפאר זיין, א פארשטענדיקונג מיט ענגלאנד און וואס גיכער, אלץ בעסער.

מיר טארן נישט דערלאזן צו א פאליטיק פון יאוש, וואס פארלויפט זיך אין א זאק־גאס און ווייס נישט מער ווי ארויס. אונזער וועג מוז זיין א קלארער און א האפענונג־פולער. דוקא היינט פארלאנגט זיך נישט נאר א גרויסע מאס פון אמונה אין דער צוקונפט פון יידישן פאלק נאר אויך בטחון אין די אייגענע כחות, כדי איבערצוקומען דעם איצטיקן שווערן קריזיס. דאס יידישע פאלק, און בפרט די אומרוהיקע יוגענט דארף געדענקען, אז א מלוכה בויט מען נישט אינם לעבן פון איין דור, אז גאולה ברענגט מען נישט אראפ מיט כלי זין אין משך פון 25 יאר. א מלוכה פאלט נישט אראפ פון הימל. עס איז אויך נישט געווען אנדערש אין די צייטן פון יהושע'ן און שפעטער. נאכן גלות בבל, בשעת עזרא און נחמיה האבן גענומען ווידעראויפבויען דאס לאנד. גאולה, לערנען אונז די מקובלים, איז נישט עפעס אזוינס, וואס קען געשעען מיט אמאל, וואס קומט פאר כלאחר יד. גאולה איז א שטענדיקער פראצעס, זי קומט פאר בכל רגע ורגע. אונזער ערלעכקייט, מענטשלעכקייט, ריינקייט, אונזערע מעשים טובים דאס זיינען די שטאפלען אין דער לאנגער דראמע פון אויסלייזונג. א"י איז א שטאפל אין דעם לאנגן גאולה־פראצעס. אבער א"י, פונקט אזוי ווי אלע גרויסע אידעאלן, קען מען קונה זיין, באזיצן נאר דורך יסורים און שווערע נסיונות.

אפשר איז טאקע די איצטיקע רעאקציע, וואס האט אזוי פארפינסטערט אונזער האריזאנט, נאר איינער פון די שטאפלען אויף דער לייטער, וואס פירט סוף כל סוף ישראל און די וועלט ארויף־צו, צו א העכערער מדרגה פון קאסמישער גאולה. פון דער שפאנונג, אומרו און געראנגל וואקסן ארויס נייע, אומדערווארטעטע כחות, וואס וועלן אפשר אמאל, אין קומענדיקע יארן, ברענגען די אויסלייזונג פונם יידישן פאלק און זיין א ברכה פאר דער גאנצער מענטשהייט.

10-8 1946



משה עובר

# מיין האר'ץ דעפארטמענט

(פון דער סעריע איבערלעבענישן)

ערב דער צווייטער וועלט מלחמה, ווען איך האב שוין געהאט וויזעס, ווי איך זע די רואינען פון לאנדאן; שארבנס און סקעלעטן פון מענטשן און הייזער, און אלעס איז באדעקט מיט תכריכים פון לבנה־ליכט, — איז אין יענער צייט בחצות הלילה מיר פלוצלונג אריינגעפלויגן אין געדאנק הערצעלעך. זיך געטראכט, איך וועל נאר קומען אין מיין געשעפט אריין זאמל איך איין אלע צירונג און אלע צאצקעס, אלעס וואס האט נאר דאס געשטאלט פון א הארץ, און מאך פון אלע צווארפענע הערצער און הערצעלעך איין קאנצענטרירטן הארץ־דעפארטמענט!

דער געדאנק האט מאמענטאל געפונען לייטזעליקייט אין די אויגן פון מיין אייגן הארץ, און איך האב זיך געפעדערט גאנץ פרי ווען קינסטלער און פאעטן חלום'ען אפילו נאך נישט פון אויפשטיין, און ווען די הימלישע בת־מלכה טראגט נאך דעם שלאפראק און איר גאלדענע זונען־בראש ליגט נאך פארשלאסן אין דעם עבעני יאווועלן שאכטל פון איר בודואר. אזש אזוי פרי איז עס נאך געווען ווען איך בין אריינגעקומען אין מיין געוועלב איינצוזאמלען די הערצער.

געמיינט האב איך דאס עס וועט מיר געלינגען צו מאביליזירן א זיבציק הערצער. צום סוף ווען מיינע אנגעשטעלטע זיינען געקומען א זייגער ניין האב איך שוין געהאט איבער צוויי הונדערט און א זייגער צען איבער דריי הונדערט און עס זיינען נאך געבליבן קוואלן פון הערצער נישט אויסגעשעפטע, כמעט דעם גאנצן קאטאלאג פון צירונג וואלט איר דארט געקאנט געפינען רעפרעזענטירט פון כלערליי מעטאלן און שטיינער פון לענדער און עפאכן:

הערצער פון גאלד, פון אייזן, פון זילבער און פון בליי.
הערצער פון בריליאנט, פון גלאז, און ווי רובינען טריי.
הערצער פון פערל, פון פסולות, פון ביין און פון שטיין.
הערצער געקרוינטע און געשוינטע, פעסטע ווי א מויער.
הערצער צעבראכענע צעשטאכענע און געראמטע אין טרויער.
הערצער מיט שייבעלעך קריסטאלענע א פאר
און הערצער מיט געפלאכטענע לאקן האר.

און יעדער רגע האט די הארץ־זאמלונג געוואקסן און דער סענטימענט האט פארפלייצט די געוועלבן די אויבערשטע און די אונטערשטע. און אזוי ווי די השגחה גרייט אן פאר יעדן יאוועל א שאכטעלע און א שאכטעלע פאר יעדן יאוועל, לויט ווי זיי פאדערן, מער אדער ווייניקער, אזוי האט אויך די השגחה אנגעגרייט אין מיין געוועלב א גרויסן הארץ־שאכטל פון א דורכזיכטיקער טשערעפאכע מושל, וואס האט געקאנט אריינעמען אין זיך די אלע אויבן אויסגערעכנטע און נישט אויסגערעכנטע הערצער אין הערצע־

לעך, און עס איז נאָך געבליבן גענוג אָרט פאַר נייע קאַנדידאַטן.

בחצות היום, אַ זייגער צוועלף, אַזוי ווי איך וויפּ דורך די זאַמלונג דורך מיינע פינגער און לייען די פרייליכע און טרויעריקע נעמען און דאַטעס, די באַנאַלע און אָריגינעלע גראַווירונגען און אימאַליעס, און אַזוי ווי מיינע שפּיץ־פינגער זאַפּן איין אין זיך די פרייד און טרער פון יעדן הערצעלע, קומט אַריין מוסאָליניס אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן. ער באַמערקט דאָס איך בין אַזוי פאַרטאָן דאָס איך באַמערק אים קוים, פרעגט ער „וואָס ביסטו היינט עפּעס אַזוי ביזי?" ווייז איך אים די סיבה און פרעג אים האָסטו אַמאָל געזען אַזאַ אינטערנאַציאָנאַלע אַנטי־פאַשיסטישע האַרץ־קאָלעקציע?" ענטפערט ער דיפּלאָמאַטיש: „יאָ. עס קען זיין נאָך קיינמאָל נישט".

ער דערזעט מאַנזשעטן קאָמפּאָזירט פון פיר גראַנאַטן, געשליפן אין האַרץ־פאָרם און פרעגט „וויפל?"

איך וואָלט אים גערעכנט 10 פונט נאָר ווייסנדיק דאָס ער איז רייך און האָט תענוג פון דינגען זיך האָב איך אים געפרעגט 12 פונט, און ער האָט געהאַט דאָס פאַרגעניגן אַראָפּצושניידן איין פונט. און זיין עקסעלענץ האָט זיך געפרייט נאָך מער ווי שיילאָק!

ער גייט נאָר אַרויס ערשיינט אויף דער בינע פון מיין געשעפט אַ פּרימאַדאָנע, וואָס האָט אויך געהאַט אַ געבוירענע שוואַכקייט פאַר מציאות. פרעגט זי מיך אין אַ ניכטערן שלעכטן ענגליש:

— „וויפיל האַרץ?"

הויב איך אַרויס אַ הערצעלע אַ גאָלדנס און זאָג „האַרץ איין פונט".

—צו טייער. ביליג האַרץ.

ווייז איך איר אַ ביליגערס און זאָג „דריי־פערטל פונט האַרץ".

— ניין — זאָגט זי, גיב מיר האַלב פונט האַרץ. גיב איך איר האַלב פונט האַרץ, און פאַר שמחה האָט זי זיך צעזונגען אין דער פרייליכער אַריע פון קאַרמען.

און אַזוי ווי זי זינגט בליצט אַריין אַ האַרציקע ענגלישע פריינדין פון מיין פּריוואַטער גרויסער האַרץ קאָלעקציע.

„משה דאַרלינג!" שרייט זי אויס, „ראַטעווע מיך!" היינט אויפדערנאַכט מוז איך געבן אַ פּרעזענט צו אַ רייכער אַלטער דאַמע. זי איז שוין אודאי איבער הונדערט יאָר אַלט. צו אַלע רוחות, מוז איך איר קויפן אַ פּרעזענט. איך אַרימער טייוול וואָס האָב קיין געלט און קיין יאָרן! נו וואָס האָסטו? ווייסט דאָך איך בין אַ שנאָרער!

קלער איך נישט קיין רגע און זאָג, הערצער האָב איך; הערצער בחצי חנם! און עס דויערט נישט עטלעכע רגע'ס און עס ליגט שוין איינגעפּאַקט אַ הערצעלע אין אַ פּאַסנדער שאַכטעלע און אויפן גלעזערנעם צייל־טיש ליגן דרייסיק זילבערנע שילינג ווי דרייסיק שטערן אויף אַ דין־הויטיקן וואָלקן.

דאָס איז אַלעס פאָרגעקומען אין אַ געוויינלעכן מיטוואָך. עס גייט אַוועק אַ וואָך, מזל טוב! מיטוואָך איז שוין ווייטער דאָ. און מיין פריינדין בליצט



ווייטער אַריין און דאָס מאָל מיט אַ בשורה. אַז דאָס הערצעלע האָט געהאַט דעם גרעסטן ערפאָלג! די רייכע דאַמע איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזט פיל אָרימע יורשים וואָס דאַרפן איר געלט מיטן לעבן און זי איז איינע פון די יורשים.

אָבער נישט איביג האָבן די הערצעלעך פאַראורזאַכט קאָמישע סיטואַציעס... אין די מלחמה יאָרן האָבן זיי אַ סך שוואַכע הערצער געשטאַרקט. איבער אַלע שלאַכט־פעלדער פון דער וועלט האָט מען אין זיי פנים'לעך אויסגעקושט, געדריקט צום האַרץ די לאָקן האָר, אויפהויבנדיק די אויגן צו גאָט פאַר רעטונג.

אָבער וואָס פאַראַ שטערבליכער, אַפילו אומשטערבלעכער דיכטער קען זיך דען פאָרשטעלן די איבערלעבענישן אַפילו בלויז פון איין הערצעלע.

אָט דאָ, נישט פאַראַיאָרן און נישט יענע וואָך, נאָר ערשט אייערנעכטן, דעם 12־טן סעפּטעמבער, 1946 שטייט ביים צייל־טיש אַ טשעכאָסלאָוואַקישע יונגע יידישע פרוי. זי איז געקומען נאָך לאָנדאָן אויף פיר וואָכן צו קומען אַבישעלע צו זיך, נאָך דעם ווי זי האָט אַלע אירע נאָענטסטע און טייערסטע פאַרלוירן און איז אַליין געוואָרן יאָרן געפּייניקט אין קאָנצענטראַציע לאַגערן.

ווייז איך איר די שענסטע אָרנאַמענטן אָבער קיין שום קונסט ווערק רירט זי נישט, און קיין שום שיינקייט וואַרעמט זי נישט. אַזוי ווי איר האַרץ וואָלט געווען אַ פאַרשטיינערטער שוואַרצער מעטעאָר, וואָס האָט שוין נישט קיין טרער פאַר טרויער, קיין קלאַנג פאַר געלעכטער, קיין שטראַל פאַר אַ שמייכל. און זי קוקט אויף אַלעם און אַלעם גלייך און גלייכגילטיק.

ווייז איך איר דעם האַרץ־פון־הערצער־שאַכטל. עפענען זיך אירע אויגן, אָבער אָן פאַרוואונדערונג. טו איך איר אָן אויף איר האַלדז אַ גאָלדן הערצעלע מיט צוויי שייבעלעך ווי צוויי טרערן און זי דאַנקט מיר קאַלט און אויטאָמאַטיש. נאָך לאַנגע פאַרגליווערטע מינוטן ווען איך האָב זי געפרעגט ווי אַזוי עס האָט איר געלונגען צו ווערן געראַטעוועט דערציילט זי מיר אַזוי:

„דער פּלאַן פון די דייטשן איז געווען נישט איין ייד זאָל בלייבן לעבן. נאָר ווען מ'האָט מיך געשיקט צו ווערן פאַרברענט זיינען עס שוין געווען די לעצטע טעג פון דער מלחמה, און דער קוילן צוג אין וועלכן מ'האָט מיך געפירט צום קרעמאַטאָריום, האָט דרייצן טעג אַרומגעוואַנדערט און נישט געקענט געפינען אַ גאַנצן קרעמאַטאָריום ווייל די דייטשן ציטערנדיק פאַרן יום־הדין האָבן פאַרניכטעט אין די לעצטע טעג די קרעמאַטאָריומס כדי מ'זאָל נישט געפינען קיין שפּור פון זייערע מעשים. אויך זיינען די באַן־ליניעס געווען צעשעדיקט פון די „עליאירטע" באָמבעס. און דאָס האָט מיין לעבן געראַטעוועט."

— און פון וואָס האָט איר געלעבט די דרייצן טעג? — פרעג איך זי. ענטפערט זי מיר „די דייטשן האָבן אונז געגעבן יעדן איינעם, יעדן טאָג, אַ קליינע קאַפּ קאַווע האָב איך אַ העלפט געטרונקען און מיט דעם איבערגעבליבענעם זיך געוואַשן (ווייל וואַסער האָט מען אונז נישט געגעבן).

— און דיין מאַן? — פרעג איך זי.

— מיין מאַן האָבן די דייטשן פאַרברענט. — און זאָגט ווייטער, — ווען איך האָב אים געזען פאַרן פאַרברענען האָט ער מיר געגעבן אַן אָנדענקונג, אַ קליין זילבערן הערצעלע. איך האָב עס די גאַנצע דרייצן טעג געהאַלטן אין מויל, די דייטשן זאָלן עס נישט געפינען און עס מיר צונעמען. און ווען איך בין געוואָרן באַפרייט האָב איך עס אַריינגעלייגט אין אַ טאַש פון אַ קלייד און עס פאַרלאָרן."

זי דערציילט מיר דאָס אַלעס וועגן די „דייטשן", אָן צאָרן, אָן אַ זיפץ, אָן אַ קללה, מיט טרוקענע ווערטער פון טרוקענע ליפּן און מיט טרוקענע אויגן.

אָבער דאָס הערצעלע אויף איר בוזעם האָט פאַר איר געוויינט.

## דאָראַ דימאַנט

## שעקספּיר אויף דער לאָנדאָנער יידישער בינע

„עוד לא אבדה תקותנו!" — יאָ, אַז מ'האָט זוכה געווען צו זען אַזאַ שעקספּיר־שפּילן אויף אַ יידישער בינע אין לאָנדאָן, מעג מען גיין אַ פרייליכס. זיכער מ'האָט פון תמיד געוואוסט אַז אינעם „נייעם יידישן טעאַטער" זענען פאַראַן גוטע, אפילו זייער גוטע, און אפילו אויסגעצייכנטע קרעפטן. אַ בלינדער האָט דאָס געקענט זען ביי אַ יעדער אויפפירונג. פון מאַנכע, אַז מ'דערמאָנט זיך, לעקט מען נאָך היינט, נאָך חדשים, די פינגער. „דריי מתנות", „רומענישע חתונה", „הויכע פענסטער", פונעם נשים־טאַנץ אינעם „צענטן געבאָט" האָט מען געלערנט דעם פירוש המילות וואָס עס איז אַזוינס „יידישער חן", און „יענקעל דער שמיד" און אַנדערע נאָך, וואָס כ'געדענק שוין נישט. אַ יעדע פון די אויפפירונגען האָט אויפסניי באַוויזן מיט וואָס פאַר אַ גוטע קרעפטן דער טעאַטער איז געבענטשט. אָבער דאָס זענען אַלעס געווען אייגענע, באַקאַנטע זאַכן, פונעם טראַדיציאָנעלן יידישן רעפּערטואַר. געשפּילטע איינגעשפּילטע, אויסגעשפּילטע ראָלן, פלייש און בלוט פון יעדן יידישן שוישפּילער.

אָבער דאָ — שעקספּיר. און „דער סוחר פון ווענעדיק". און אין אַן אייגענע, פון מייזעלס געמאַכטע איבערזעצונג. שוין דער פאַרטראַכט אַליין און דער מוט עס צו אונטערנעמען פאַרדינט באַוואונדערונג. — ווי שעקספּיריש עס לאָזט זיך רעדן און לאַבוסעווען אויף יידיש! חבר מייזעלס, ניטאָ קיין ווערטער אויסצודריקן דעם רעספּעקט, וואָס אייער אַרבעט פאַרדינט. אייער איבערזעצונג — אָפּגעזען פון עטלעכע גערמאַניזמען שטעלנווייז — וועט זיין דער אויפטאַקט, ווי צו איבערזעצן שעקספּירן אויף יידיש ניט פאַרלירנדיק דעם שעקספּירישן סטיל.

— און איצטער, וואו נעמט מען ווערטער צו דערציילן, ווי אַזוי מאיר צעלניקער האָט געשפּילט שיילאָק? אסור כ'ווייס.

איך האָב געזען שפּילן „שיילאָק" אַמאָל אַכט אָדער צען. עס האָבן אים



אויף אַלע בינען אין דער וועלט געוויינלעך געשפּילט די קאַרפּן־קעפּ פונעם טעאַטער. אויף דער יידישער בינע האָב איך עס קיינמאָל ניט געזען. דעם גרעסטן פון זיי, רודאָלף שילדקרויט, האָט זיך ווירקלעך איינגעגעבן צו שאַפן אַ גרויסע טראַגישע געשטאַלטונג. אָבער נאָך אַ יעדער פון אַזאַ אויפפירונג, איז מען אוועק צומזיקט און צובלוטיקט, באַרויבט און געשענדט, ניט קאָנענדיק משיג זיין, וואָס האָט עס אַזאַ גייסט ווי שעקספּיר באַוואוינען אונז צו וועלן אַזוי טיף דערלאַנגען אין דער זיבעטער ריפּ אַריין? — איך האָב מקנא געווען די ניט־יידן וואָס ס'האָט זיי גאָרניט געשטערט זיך איינגאַנצן איבערצוגעבן דעם גענוס און די פרייד, וואָס שפּאַרט אַרויס מיט אַזאַ שפע פון יעדן פערז פונעם שטיק. זיי האָבן געקאָנט ריין קינסטלעריש געניסן די שיינקייטן מיט וועלכע די קאָמעדיע איז צוקלינגען. אָבער מיר, אַ יידן, וועגען די פּרעכטיקע פערזן ווי „אין אַ נאַכט ווי די" און אַנדערע אַזוי אומבאַנעמבאַר צויבערהאַפט. מיר זענען זיי געוואָרן דערלאַנגט, געמישט מיט סם, ווייל איך האָב אויף קיין איין מינוט ניט געקאָנט פאַרגעסן, אַז די פאַנווע אויף וועלכער די גאַנצע צעפינקעלטע צויבער־פּראַכט איז געוואָרן אויסגעשטיקט, איז אַ מעסער־טיפע פאַרוואונדונג, באַשמוצונג און באַליידיקונג פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק.

די פאָרמולאַ: „ל'אַר פור ל'אַר" — קונסט לשם קונסט, האָט זיך קיינמאָל ניט געקלעבט צו דער יידישער נשמה. וויוויט אייראָפּעאיזירט, און אפילו אַסימילירט מיר זאָלן ניט זיין געווען. די וואָרצעל פון וועלכע עס דערנערט זיך די יידישע פאָלקס נשמה, פון איר געבוירן־טאָג אָן, איז די עטיק, און נישט די עסטעטיק. אונזער דורותדיקע געשטאַלטונג, ביז אין די פאָרמונג פונעם טאָג טעגלעכן לעבן, ציט די זאַפטן פון אָט דער וואָרצל. ביי אונז קאָן אַ זאַך ניט זיין פאָלקאָם, אויב זי איז אינעם מהות ניט גערעכט. די אויפפאַסונג, וואָס עקזיסטירט ביי פילע קולטור־פעלקער, די אויפפאַסונג, אַז אויב אַ ווערק איז אויף אַ הויכער קינסטלערישער מדרגה, איז עס ניט וויכטיק צי ס'איז עטיש צי נישט, אַזאַ אויפפאַסונג איז פאַר אונזערע חושים פרעמד, אַ סתירה. מיר גייען באַלד צו פון אַן אַנדערן ווינקל. אויב אַ ווערק זינדיקט אין זיין תמצות קעגן די פשוטע, נאַטור־לאַנישע גערעכטיקייט, איז עס ממילא אונקינסטלעריש. אונזער ערשטער שטאַפּל צו וועלכע ניט איז הויכן איז „בין אדם לחברו". אפילו אונזער מוראַדיקער, אייפערזיכטיקער גאָט האָט אָפּגעטראָטן אַן אַ זייט פאַר אָט דעם געבאָט, און זיך באַגנוגנט מיט אַ צווייטן פּלאַץ. אָט דעם ערשטן שטאַפּל — די באַציאונג צום מענטשן — טאָר מען ניט איבערשפּרינגען אויף דעם וועג בערג אַרויף. אויב איבערשפּרינגט מען אים יאָ, וואַקלט דער גאַנצער וועג. און מ'דערגייט ניט.

וואָס איך בין מיט אָט דעם אויסן צו זאָגן אין דעם צוזאַמענהאַנג איז: ווי וואויל און ווי קינסטלעריש גרויסאַרטיק אַלע די שיילאָק־פאַרשטעלונגען זאָלן ניט זיין געוועזן, מוזן מיר אַלס יידן די דראַמע קאַטעגאָריש פּסל'ען, ווייל אי דער מחבר, אי זיינע אינטערפּרעטן האָבן פאַרשוועכט די קונסט,

באנוצנדיק זיך מיט איר צו פארהערלעכן בלינדן האס, רויב און פארגוואלטיקונג. דער ביין, וואס ווערט ביי אט דער האס־ארניע צונעווארפן דעם נעהאסטן אין האלז אריין, זיין שענדלעכע פאזיציע מיט אים מכלומרשט צו פארטיידיקן. דער ביין איז גיכער נעמאכט אים צו דערווערגן איידער אים רייטצוואשן.

אזוי, ווי אט אזוי געשילדערט, האט עס אומגעפער אויסגעזען אין הארצן אן אויסנאם. ביי יעדער שיילאק־אויפפירונג, וואס עס איז אויסגעקומען ארורכצוגיין.



מאיר צעלניקער שיילאק — דוד סעגאל אנטאניא — יודל גאלדבערג באסאניא

קומט יעצט צו גיין מאיר צעלניקער מיט זיין שיילאק. — און גלויב עס יא, גלויבט עס נישט. איך האב זיך געכאפט דערביי, ווי איך האב זיך ערנסט פארטראכט איבער די ריכטיקייט פון מיין, בכל מאדי ובכל נפשי, נעגאטיווע שטעלונג צו דער דראמע און בין א קאפעטשקעלע אומזיכער געווארן. אבער נאר א קאפעטשקעלע. ס'מוז שוין נעמען אביסל מער, אזא איינגעפונדעוועטע פאזיציע ריכטיק צו דערשיטערן. איינס איז אבער דערווייל יעדנפאלס קלאר: יעדע אנדערע ראל אין דער דראמע קאן שפילן ווער עס וויל, אפילו א מאטער, אבער שיילאק מוז געשפילט ווערן פון א יידן פון דער היים, אויב עס איז אויפגעלעגט דעם שטיק ווען עס איז אמאל צו דערלעבן א תיקון. — מען איז אוועק פון שפילן דאסמאל אויך צעבראכן און מיט קריצעדיקע ציינער,



נאר דאס מאל איז דער האס געווען אויפן ריכטיקן ארט. און דער עיקר, אז ביטערקייט אויף שעקספירן. מאיר צעלניקערס שיילאק האט ארויסגעהויבן די פיעסע פונם כף הקלע אין וועלכן זי געפינט זיך ביז היינט אויף אלע בינעס פון דער וועלט, און האט זי ארויפגעפירט אויף דעם וועג צום תיקון. — עס איז דער דערשיטערנדיקסטער, אויפטרייסלענדיקסטער שיילאק, וואס איך האב ווען עס איז אמאל געזען. און עס איז די מייסטערהאפטעסטע געשטאלטונג, וואס איך האב ווען עס איז געזען פון צעלניקערן. (און ער פארמאגט אויף זיין קאנטא א היפשע צאל מייסטער־שטיקלעך). עס איז איינס פון די זעלטענע, צונעטראפענע זיווגים פון א שוישפילער מיט א ראל. 40 יאר פארן באשאפן ווערן אויסגערופן איינער פארן אנדערן. אין א מזלדיקער שעה! און אויב די שיילאק־געשטאלטער פון די אומות העולם ווילן העלפן ראטעווען דעם כבוד פון דער פיעסע „דער סוחר פון ווענעדיג" וועלן זיי זיך מוזן גוט צוקוקן צו מאיר צעלניקער. אפשר וועט זיך זיי איינגעבן צו דערכאפן דעם ציטער אן וועלכן די ראל קאן ניט ווערן אויסנעלייזט.

חנה צעלניקער אלס פארשיא — איבערראשט. ווי לייכט עס איז איר זיך אריינצושפילן אין די עכט שעקספירייש שטיפערישע ראל. זי פארמאגט דעם פיינעם טריק, איר איינגעבוירענעם יידישן חן, שפילעריש אריבערצוגנב'ענען אין דעם אלגעמיינעם מיידעל־חן. זי איז דארין זער געשיקט אונטערשטיצט פון מעטא סעגאלס נעריסא. דארט ווי עס גייט אין לאבוסעווען, איז מעטא סעגאל ביי זיך אין דער היים. און אזוי אויך דא. ס'וואלט זיך גערן געוואלט זי זען אמאל אין א ראל, וואו זי זאל האבן א געלעגנהייט זיך אזוי גאנץ צו צעהוליען לויט איר צולאזענער שטיפערישקייט.—

דוד סעגאלס אנטאניא — ווי תמיד זיינע כאראקטער־ראלן. א קליין מייסטער שטיק פאר זיך. מאסקע, האלטונג, שפילן.— מאטעמאטישע אפגעשלאסענע גאנצקייט. פון זיין אנטאניא טראגט זיך דער ריח ניחוח פון דער אריסטאקראטיש אויסגעאיידלטער יעזואיטישער היפאקריזיע פון יענער עפאכע. אין יעדן צאל דער כאראקטער וועלכן ער ניט. אפגעטאקט. —

יידל גאלדבערג און ל. בלומענזאן, (אנטאניאס פריינט) צוויי געשמאקע — אבער נאר יידישע קונדסים. ניט גאנץ דער פארנעם פון די ניט יידישע הולטייעס, אלס אזעלכע ווי זיי זענען ביי שעקספירן געצייכנט. ס'איז זיי אבער פרעכטיק געלונגען ארויסצוברענגען דעם גאנצן צייבער פונעם לעצטן אקט אין דעם צוהוליעט שענעם רינג־קווארטעט. דער קאפ האט זיך אזש פארדרייט ווי נאך ארבע־כוסות פון אן אלטן מאדיערא־ווייך. די אנדערע צוויי פריינט, מאקס בוים און אלבערט פוקס האבן זיך גוט אריינגעפאסט אין דער חברותא.

רות לעווענשטיין אלס שיילאקס טאכטער — שיין ווי גאלד, מיט אלע חנען, ווייזט אוים אויך טאלענטירט, אבער ל"ע אזוי נעהרגט אויף דער עברי, אז מ'האט ניט געוואוסט ווי מ'האלט אין דער וועלט. וואלט מען האטש אין זינען נעהאט איר צונעבן א פארטנער מיט א גוטן יידיש, כ'מיין ארנאלד

קאַלינא אַלס לאָרענדא. מ׳קאָן גאָרנישט אורטיילן. זיי האָבן זיך געמיטשעט. מיר האָבן זיך געמוטשעט, מיר האָבן נעבעך פאַרלוירן די שענסטע פון די פּערל: „אין סאַטש עי גאַיטה״. דעם דועט אין דער גאָנדאָלאַ, און אויך די באַלקאָן־סצענע. אבער שיין אויסגעזען האָט עס, וואונדערבאַר שיין.

די באַ׳חנ׳טע שיינע יוגנטלעכע כאַראַקטער־ראָל פון לאַנצעלאָט גאָבאָ האָט לעוו הויזער אויסגעפירט מיט טאַלאַנט, לויט דעם בינען שולחן־ערוך אין וועלכן די ראָל איז פון קדמונים אָנגעצייכנט, נאָך בעסער וואָלט זי געווען, ווען ער וואָלט זיך געקענט אביסל פרייער באַוועגן אין יידיש.

יאָזעף שערמאַן אין זיין דאָפּלט־ראָל, אַלס הערצאָג פון ווענעדיג, און אַלס אַלטער בלינדער פאָטער פון לאַנצעלאָט, האָט — באַזונדערס אין דער צווייטער ראָל — זיך טיף איינגעקריצט אין זכרון. אַזוי קליין ווי די ראָל איז. דאָס זעלבע קאָן אויך געזאָגט ווערן פון מאָררים אַקסעלראָדס תובל (שיילאָקס יידישער פריינט). די צוויי שוישפּילער, אַקסעלראָד און שערמאַן געהערן צו די זיילן פון דער יידישער בינע, זיי האָבן זייער באַזונדערן פּלאַץ אין דער מזרח וואַנט. יעדער פון זיי אויף זיין אויפן, דער איינער מיט אַ קנייטש, דער אַנדערער מיט אַ האָפּס, פאַרמאָגן זיי די ספּרוזשינע, וואָס אַז זיי גיבן אַ דרוק אויף איר, זעצט זיך אין באַוועגונג דער גאַנצער, פאַר׳כישופ׳טער שפּילקאַסטן פון דער יידישער הועית, די חסידישע, די בעל־הבית׳ישע, די ברתנישפאַלקסטימלעכע תנועה. (ס׳שאַדט נישט, וואָס עס געהערט נישט דאַ אַהער!) פּאַול סטרעטשאַ האָט פאַרשטאַנען צו געבן זיין פּרינץ פון מאַראָקאָ די ריכטיקע מישונג פון נאַאיוויטעט און ליידנשאַפט.

אַלע איבריקע: דינער, אייפּזער. באַאמטע, אויסגעפירט פון פּאָזנאַנסקי, ניישטאַט. גראַץ און ראָזענבערג, און אויך דער גאַנצער סטאַטיסטן־אַנסאַמבל. האָבן מיט פיל טאַקט, די פרויען מיט שענקייט און חן, דערגענצט און אונטערשטיצט די אויפפירונג. יעדער האָט געקאָנט זיין פּלאַץ און פאַרשטאַנען וואָס עס פאַרלאַנגט זיך פון אים.

עס איז קיין ספק ניט, אַז דאָס געלונגען פון אַזאַ קאָמפּליצירטע אויפנאַבע איז בעיקר צופאַרדאַנקען דער רעזשי פון ראָבערט אַטקינס, וועמען עס איז געלונגען צונויפצושמעלצן די צאָלרייכע באַזונדערע טאַלאַנטן אין אַזאַ פאַרבן־פּרעכטיק צופינקלטע גאַנצקייט. דאָס איז אַ סוד, וואָס איז פאַר דער יידישער בינע נאָך פאַרבאָרגן הינטער זיבן שלעסער: אַז רעזשי, איז דער שם המפורש פון אַ פּיעסע, די נשמה פונעם אַנסאַמבל, פון אַן אויפפירונג. פונקט אַזוי ווי דער דיריגענט איז די נשמה פון אַן אָרקעסטער. אפשר וועלן עס אונזערע שוישפּילער, און בעיקר די סטאַרס יעצט ביי דער אויפפירונג האָבן געלערנט, און זיך דערמיט מער רעכענען לעתיד לבוא.

זער צו באַגריסן זענען די יונגע נייע פּנימער. מאַנכע פון זיי וואָלט זיך זער געוואונטשן זיי צו זען אָנגעשלאָסן אינעם יידישן טעאַטער אַנסאַמבל. אבער אַ מאָרנע און זער באַאומרואיקנדיקע דערשיינונג לאָזט זיך זייט



אַ צייט באַמערקן ביים יידישן טעאַטער. אַ מין אונטערגאַנג רחמנא לצלן. אויף יונגע טאַלאַנטן. אַזוי גאָר ווי עס באַווייזט זיך אַ יונגער שוישפּילערישער טאַלאַנט, און מ׳האָט קוים די געלעגנהייט אַ נאַש צו טון, און שוין — הילך איננו. אַזוי איז געשען מיט דער זער באַגאַבטער יונגער תמרה שלאָמאָוו (יעצט ביי דער הבימה, אין פּאַלעסטינע); אַזוי איז געווען מיט פּעלאַ פּעלד, אַ באַחנטע אינטעליגענטע דערשיינונג, אַ פּרעכטיקע שפּראַך. אָפּגעמוטשעט זיך אין ביידע טעאַטערס. אָן אַ געלעגנהייט זיך צו אַנטוויקלען — און וואָס איז מיט אונזער שלמה קאַהן? וויפל שלמה קאַהנס פאַרמאָגט די יידישע בינע? און וואָס איז מיט פּיניע גאָלדשטיין? גיט זיך בלויז אַכטונג, לאָנדאָנער יידישע טעאַטער־דירעקטאָרס, אַז ס׳זאָל אייך נישט אַוועקשווימען אַ שיף נישט מיט זויער־מילך נאָר טאַקע מיט סמעטענע. פּיניע גאָלדשטיין — אונזער טאַלאַנטירטסטער אָריגינעלסטער יונגער כאַראַקטער־קאָמיקער, אונזער קוסטער קיטן. — זאָגט מען, טראַכט צו פאָרן אין אַמעריקע. ממש קריעת־ים־סוף. פאַר אַ יונגן טאַלאַנט, נו וואָס־זשע איז די עצה? גלאַט שטיין מיט פאַרליינטע הענט און זיך צוקוקן ווי זיי פאַלן נעבעך ווי די פליגן. אפשר זיי אַנטון אין ווייסן? אַמאָל פלעגט זיין אַ סגולה צונויפצופירן צוויי קאַליקעס, כ׳האָב געהערט זאָגן, אַז מ׳האָט עס ביי אונז אויך געפּרוּווט און ס׳איז, זאָגט מען נאָך ערגער געוואָרן. אפשר פּראָווון האָרכן דעם בעלזער רבס עצה: צו וואָס ווייזן אַ שבת־גוי אַז מ׳האָט ציין (כ׳מיין טאַלאַנט), מ׳באַדאַרף נישט, באַהאַלט עס. אַז מ׳וועט אייך הייסן ווייזן, ווייזט נאָר אַ קאַפּעטשקעלע. אַ שבת־גוי ברויכט גאָרנישט צו ווייזן. אַז אַ יונגער שוישפּילער האָט טאַלאַנט. אפשר וועט אַזוי אָרום גאָט העלפן און דער אונטערגאַנג וועט אויפהערן. כ׳ווייס? פּרוּווט! אבי בלייבט אונז דערהאַלטן.

פּ.ס. — מיר איז אַביסל, נישט אינגאַנצן, קשה דער גרויסער אינטערעס און דאָס התלהבות פאַרן יידישן טעאַטער מצד דער ניט יידישער פּרעסע־וועלט. נישט מחמת דאָרט עפּעס. נאָר פּשוט מאַיז עס נישט געוואוינט. און מ׳פרעגט זיך, וועלכער נוסח ס׳ווערט דערבי געלערנט: צי דער נוסח „כי מציון תצא תורה״, צי דער נוסח „מה יפית״. מיר מוזן זיין געוואָרנט, דאָס צו וויסן קלאָר אַזוי ווי חלף־שאַרף. וואָרום אין דעם, וועלכער נוסח עס איז, אין דעם גייט עס, ווייטער אין גאָרנישט. דער ערשטער נוסח איז אפשר גע־טובלטער קידוש בעבר, דער צווייטער — אַ טריף געמאַכט מעסער.

* מיר גיבן די בכורה דעם עסיי, וועלכער איז מער אַ טעאַטער־שטימונג פון אַ באַגייסטערטער אַקטריסע, ווייל דאָס אַליין איז שוין וויכטיק, אַז אַ לאָנדאָנער אויפפירונג זאָל קענען אַרויסרופן אַזאַ באַגייסטערונג.
די „רעצענזיע״ וועט ערשט קומען אין אַ קומענדיקן חודש־נומער. ש.

# אליהו פאלושאק

## די הייליקייט פון די וואכעדיקע טעג

(איבער משה עובר'ס נייעם בוך „אין זכות פון די טעג")

האָבן מיר פאַראיאָרן צום זעכציקסטן געבוירן־טאָג פון משה עובר מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם דערשיינען פון זיין בוך „אין חדר אריין", זענען מיר דאָסמאָל געווען פשוט נייגעריג אויף די יידישער איבערזעצונג פון „אין זכות פון די טעג" פון דעם זעלבן מחבר.

איז מען אויך נישט מסכים מיט דעם אריינברענגען פון דער פאַנטאַסטיקער אידעאָלאָגיע איבער די „גן־עדן־האַפטיקייט" פון אונזער זינדיגער צינישער ערד, מוז מען דאָך צוגעבן, אַז עס איז משה עובר'ן אין זיין בוך „אין חדר אריין" געלונגען אויסצודריקן לעבעדיק און וואַרעם יידיש מאַמע־לשון אַזוי פריש און נישט געקינצלט (אָדער בעסער געזאָגט, יאָ געקינצלט און נישט פאַרדאָרבן), פריש אריינאימפּאַרטירט פון דער קויאַווער געגנט, געבאָרן און אויסגעוואַקסן אין שלום אַש'ס ווייסל, וואָס האָט אַמאָל געזונגען יידיש פאַר אונז. אין דערמאָנט ווערן זאָל, אַז באַזונדערס, איז אים דער פאָלקסטימלעכער טאָן, וואָרט און ניגון (יאָ, ווי לעזן זיך מיט אַ באַזונדערן ניגון) געלונגען שוין אינם אַריינפיר־לידל „קוקוריקו" און אין די „אלף־בית־לידער". איך וויל אָבער באַמערקן, אַז דער אונטערטיטל פון „לימודים פאַרן ערשטן זמן" — אלף־בית און „עלעמענט־מהרה" בילדונג — פּאַסט נישט פאַר אַ ווערק, וואָס פּרעטענדירט צו זיין אַ לאַנגיאָריקע אַרבעט פון אַ באַקאַנטן דיכטער.

אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. איך וויל רעדן איבער „אין זכות פון די טעג".

צום סוף פון דעם ביכל אויף די זייטן 56 און 57 געפינען מיר קורצע רעצענזיעס פון דער ענגלישער פּרעסע איבער דער ענגלישער אויסגאַבע. די „טיימס ליטערארי סאַפּלעמענט" געברויכט דערביי אַ רעדע־ווענדונג ווי: „דער פאַנטאַסטישער סטיל און שווערער העברעאישער סימבאָליזם וועט אפשר נישט געפעלן יעדן איינעם, אָבער... א.א.וו.", וואָלט מען געוואָלט פרעגן: „וועלכער העברעאיסטישער סימבאָליזם?" צי „העברעאיסטישן סימבאָליזם" — אַ זייער מאָדנע וואָרט! — האָבן מיר דאָך אַ שטיקל שייכות. און דאָך געפעלט מיר דער דאָזיקער סימבאָליזם נישט, אפילו אויך דאָרט נישט, וואו דער מחבר מיינט עס גוט און ערלעך מיט זיך און מיט אונז זיינע מיטמענטשן און פריינט.

משה עובר'ס „אין זכות פון די טעג" פּראָוואָצירט אונזער יידישן אינטעלעקט. דאָס בוך האָט ווייניק יידישע קאָנצעפּציע. און דאָרט, וואו ס'איז יאָ דאָ אַביסל יהדות, קען מען עס באַצייכענען אַלס „יידישן קאַטאָליציזם".

די פראַגע פון דער קדושה פון די וואָכעדיקע טעג איז אין ערשטער ליניע נישט קיין מיסטישע און נישט קיין מעטאַפיזישע, נאָר אַ סאָציאַל־עטישע. און משה עובר אַליין, האָט שעפּנדיק פונם מקור פון דער קבלה



און מסורה, איז נישט קיין פילאָזאָף און נישט קיין מיסטיקער, נאָר אַ באַצוואונגענער און באַהערשטער פון דער מעטאַפיזיק, יענער כשוף־מאַכער, וואָס הערשט און רעגירט אויף יענער זייט פונם מענטשלעכן שכל.

ביים שרייבן „אין זכות פון די טעג" איז דער מחבר אויך געווען באַהערשט פון זיין אייגענער פּסיכישער נויט און דעם כלל־נויט פונם יידישן פאָלק, און מיטגעווירקט האָבן פערזענלעכע קאָנפליקטן, דערלעבענישן, אַספּיראַציעס און אינספּיראַציעס. זיינע מענטשן דאָרט זיינען נישט קיין יידישע. זיין מיסטישער אָפּגעהאַקטער פינגער פונם בוים פון דער כנסת ישראל ליגט אויף צמענטאַזש אינם שאָטן פון דער קליינער קירך אין ווילינגטאָן.

די געדאַנקען און עמאָציעס פונם ביכל זענען אַ געמיש פון ספּעציפיש־יידישן און אַלגעמיין־מענטשלעכן, און די גלאָריפיצירונג פון זיינע יאָוועלן און איידעלשטיינער ברענגען דעם מחבר אריין אין אַזאַ ענגן קרייז, וואו עס פעלט דאָס אמתע געפיל און פאַרשטענדעניש פאַרן לעבן און ליידן פון זיין פאָלק און דער מענטשהייט.

און — נאָכפאָלגנדיק דעם פאַנטאַזם וועגן די הייליקייט פון די וואָכעדיקע טעג און זיינע חזיונות איבער די כנסת ישראל פאַרבינדט משה עובר זיין איך מיט דעם גורל פון זיין פאָלק אין אַ פאָרם, וואו ער שטעלט זיך אינם מיטלפּונקט פון ענטוויקלונג און געשייענישן. ער פאַרמעסט זיך מאַנכעמאָל צו שטאַרק און נייט צו ווייט. דער מענטש אויך מיט גרויסע אַספּיראַציעס (נישט אינספּיראַציעס) און גייסטיקע אַמביציעס מוז קענען האַלטן שריט און קענען די גרענעץ. עס ווילט זיך אים צורופן אויס איבסענס „פּער גינט": „טראָל, זיי דיר זעלבסט גענוג". וואָרים נישט קענסטו נאָך נכשל ווערן, משה עובר.

אויף זייט 16 געפינען מיר אַ שיין שטיקל שילדערונג איבער דעם הולך פון קעמלען אין דער ירושלים'ער געגנט, וואָס איז שיין אָנגעזאָפּט מיט מאָדערנער וואָלקנקראַצערדיקער ציוויליזאַציע. „זיי לאָזן אַראָפּהענגען זייערע ליפּן מיט גרינגשעצונג, הייבן אויף זייערע פּאַרצייטיקע קעפּ איבער די העכסטע, מאָדערנע געביידעס, בויגן זייער געניק אויף רעכטס און לינקס, און זוכן די וואונדערוועלט פון קדמונים. וואו איז זי? וואו האָט זי זיך אַהינגעטאָן?"

ליידער קלינגען אָבער די אריינגעפלאָכטענע תפילות אינם קאַפּיטל „משיח אין קייטן" זייער אָרעם. אַזוי ווי איך קען נישט דעם ענגלישן אָריגינאַל, מוז איך אָננעמען, אַז די איבערזעצונג איז שולדיג. דאָס ווערטשפּיל:

„גאָט פון אַלע אייביגקייטן! אייביג־קייטן,
איך בעט דיך נאָכאַמאָל, נאָך איין מאָל
נישט פון מיין נשמה־געזאַנג..."

קלינגט מיט די נאָכפאָלגנדיקע פערזן זייער, זייער פּראָזאַאיש. אַ געבעט ווערט נאָך נישט געהייליגט, ווייל עס איז געשריבן אין פערזן, און אַ בוך ווערט נאָך נישט אַ ספר, ווייל מען ברענגט דאָרט אריין אומבאַרעכטיקט דעם „שם המפורש". — — — — — —

די פראגע פון דער הייליקייט פון די וואכעדיקע טעג איז א וויכטיקע מענטשלעכע און סאציאל־עטישע פראגע, וואס קען נאר געלייזט ווערן, ווען דער מענטש, דער צלם אלקים, אלס יחיד און כלל וועט ווערן געשטעלט אינם מיטלפונקט פון געשעענישן אין לעבן. און ווען ס׳וועט געשאפן ווערן דער גרויסער און ריינער סינטעז פון גלייכער פארטיילונג פון ערדישע און גייסטיקע פראדוקטן פאר דער גאנצער מענטשהייט און אונז יידן בתוכם.

דאס קען מען אבער נישט ארויסלייענען פון משה עובד׳ס „אין זכות פון די טעג”.

## פרץ זילבערבערג

# אינטערנאציאנאלע פארברידערונג

(איבערלעבונגען אויפן אינטערנאציאנאלן קינדער לאגער אין ברייטאן)

אינטערנאציאנאלע פארברידערונג איז היינט א טעמע פון וועלכער מען רעדט זער א סך, אבער אין סך־הכל זעט מען עס גארנישט אן. ארום אינטער־נאציאנאלע סאלידאריטעט פון פעלקער ווערט געפירט די הייסטע דעבאטן און אמפערונגען, מען שאפט פארמען און רעגלען, מען פלאנירט און מען טרוימט. פעלקער פארשטייען די וויכטיקייט פון אט דעם יסוד פון לעבן. פיל ביישפילן האבן געוויזן די וויכטיקייט און פראכט פון ברידערלעכע צוזאמענארבעט, וועלכע קען באאיינפלוסן די מיט אנטאגאניזמען אנגעזאפטע מענטשהייט, און פירן צו בעסערע צייטן. פארשטייט זיך אז אייב האט מען ביז איצט געזען בלויז מלחמות און שחיטות פון וועלכע עס האבן געליטן די ברייטסטע פאלקס־מאסן, דארף מען זיך ווענדן אויף אנדערע וועגן, און מען אמפערט זיך טאקע אין די הויכע פענסטער, וועגן בילדן יסודות פאר צוזאמענארבעט. ליידער זענען די פרוכטן נאך זער נישט מערקבארע.

לאמיר האפן אז די אזוי פיל מאל געפרואווטע מענטשהייט, וועט געפינען איר וועג פאר די צוקונפטיקע דורות, פון בעסערע און ריינערע אידעאלן, וועלכע וועלן זי פירן צום אויסגעטרוימטן גליק. דערווייל אבער, זאלן מיר זיך צוריקציען פון דער שטורמישער פלאטפארם פון די וועלט געשעענישן און א בליק טאן צוריק מיט דריי וואכן, אין א קליין אויף דער מאפע כמעט ניט זעבאר ארט, וואס הייסט ברייטאן און וועלכן עס האט דורך דריי וואכן נאכאנאנד געלעבט און געשאפן די „אינטערנאציאנאלע קינדער־רעפובליק”.

אויף א קליינעם פלאץ, ניט ווייט פון ים־ברעג האבן אויסגעשפרייט זייערע געצעלטן די קינדער פון 9 נאציאנאליטעטן. פון פראנצויזן, בעלגיער, ענגלענדער, פלעמער, האלענדער, שוועדן, דענער, שווייצער און וואס איז דאס וויכטיקסטע, אויך פון יידן, געקומען זענען אלע פון זייערע אייגענע לענדער, מיטברענגענדיק מיט זיך די אייגנארטיקייטן פון יעדן פאלק באזונדער. די



מיינסטן קינדער זענען געווען אונטער די דייטשע הערשאפט אין פארלויף פון דער לעצטער מלחמה. יעדעס קינד, האט געזען און געפילט דעם ברוטאלן שטיוול פון פאשיזם אין דער ברוינער בעסטיע געשטאלט. מיט פארשידענע אנטאגאניזמען האט מען געשפייזט די יונגע וועזנס פון די אלע לענדער. מיט יידן־האס, מיט האס פון מענטשלעכקייט. געגנערט האט מען זיי מיט פאראכטונג, איגנאראנץ און מיט דעם כוח פון מאכט איבער פרייהייט־געדאנקען און פארמען.

פארשריבן איז געווען דער גורל פון די באזונדערע לענדער. א טייל איז מער צעשטערט געווארן און א טייל איז ווייניקער. אבער איבעראל איז געפלאסן בלוט פון אומשולדיקע קרבנות. און יעצט האבן זיך פארזאמלט די קינדער פון די אלע לענדער און אויפגעבויט א „אינטערנאציאנאלע קינדער רעפובליק”. א רעפובליק וועלכע איז געבויט אויפן מוסטער פון אמתער מענטשן־ליבע. עס זענען מיטאמאל ווי פארשוואונדן געווארן די אונטערשיידן פון אפשטאם. איין גרויסע מאסע פון קינדער. מען זעט נישט קיין אונטערשיידן אין ראסן־העגעמאניעס. אלעס פילט זיך ווי איין משפחה. און דער גרעסטער וואונדער איז געווען, די בראווע אפטיילונג פון פראנצויזישן סאציאליסטישן קינדער־פארבאנד „ס.ק.י.ף”. דער נאמען אליין זאגט זער ווייניק, קאן זיין פאר א סך אומבאקאנט איבערהויפט. דאס איז א פארבאנד פון יידישע קינדער, וועלכער איז געבויט אויף די ריינסטע יסודות פון סאציאליזם. זיין אפשטאם האט ער פון פוילן, וואו דער „סקיף” האט צוזאמען מיט די עלטערע געהאלפן בויען דעם בנין פון פרייהייט, און וועלכער איז אזוי מוראדיק צעשטערט געווארן. דער „סקיף” אין פוילן איז געווען פון די ערשטע קעמפער אין העלדישן ווארשעווער אויפשטאנד. און זיי די פאריזער קינדער זענען די נאכפאלגער פון זייערע רומרייכע ברידער און שוועסטער אין פוילן. אין זייער באוועגונג לערנט מען ווי אזוי ליב צו האבן אלעס שיינ׳ן און גוטע.

מען פלאנצט איין מענטשן־ליבע אין זייערע מוחות. און טאקע באלד נאך דער בלוטיקער מלחמה האט זיך ווידער ארגאניזירט דער „סקיף”. מיט אומגעבראכענעם מוט האבן די בראווע „סקיף” טוער ווידער אנגעהויבן ארבעטן. און אט זענען די פאלגן: 100 יידישע קינדער, שטאלצע און לעבנסלוסטיקע זענען געקומען קיין ענגלאנד, כדי צוזאמען מיט די אנדערע פעלקער צו לעבן א פאר וואכן אין אמתער סאלידאריטעט, צו צעשטערן די פאלשע טעאריעס וועגן אונטערשיידן אין ראסן און נאציעס.

דא האט מען אויפגעבויט דעם ביישפיל פון סאלידאריטעט. דא האבן די יידישע קינדער ווי מיט גלייכע געלייגט ציגל צום פונדאמענט פון אינטערנאציאנאלע פארברידערונג. און נישט געקומען זענען די „סקיפיסטן” מיט אסימילאטארישע טענדענצן. מיט שטאלץ האט מען גערעדט יידיש. נישט ווי א סך מיינען אז ס׳איז קיין שפראך. יידישע לידער און יידישע רעקלאמאציעס האט מען געהערט איבערן גאנצן לאגער־שטח. און בעסער, די אנדערע האבן מיטגעזונגען אונזערע לידער. עס קענען שוין יידישע לידער כמעט

אלע אויבנדערמאנטע פעלקער. יעצט דארפן נאך קענען אונזער אייגענער אידע־שפראך אויך אונזערע היגע יידן. אין דער פיינסטער אטמאספערע פון אלן־נייסט האט זיך אויסגעלעבט אט דער נעמיש פון פעלקער, אבער איין מחנה, א שטאלצע, א דרייסטע און מיט פול לעבנסלוסט און פארלאנגען.

אט אזוי האט זיך אין מיטן פון וועלט געראנגלעניש אפגעשפילט א בילד פון ריכטיקן אויפן פון לעבן. מעגלעך אז די דיפלאמאטן וויסן גארנישט וועגן דעם. עס וואלט געווען כדאי אז זיי אלע זאלן זיך דארט האבן אריינגעקוקט און אביסל פראקטיק נעמען ווי אזוי מען קען לעבן אין שלום און פרידן. אויב מען וויל נאר. און אויב מען לאזט אפ די אייגענע עגאאיסטישע אנטאגאניזמען. פאר מיר בלייבט דאס בילד פון דעם קינדער־לאגער אויף שטענדיק ווי א בילד פון וואונדערבארן רייץ און פראכט, פון וועלכן איך וועל שעפן ענטוזיאזם אויף אלע ציטן. איך האף אז ביז צום נאענסטן יאר, ווען עס דארף פארקומען דאס צווייטע מאל אזא לאגער אין האלאנד, וועט שוין די וועלט זיין אוועק אויף בעסערע וועגן פון צוזאמענלעבן, און דאן וועלן די קינדער, געבוידערט און געשלאסן אויפמארשירן צוזאמען מיט די פרייהייט־ליבנדע פעלקער אויפן זוניקן וועג פון אמתער, ריינער און אידעאלער מענטשן־ליבע און אינטערנאציאנאלער פארברידערונג!

פריץ זילבערבערג, געוועזענער אינטערנירטער אין בוכענוואלד, היינט אין לאנדאן. איינער פון די אנטיילנעמער אין אינטערנאציאנאלן „רויטן־פאלקן" לאגער אין בריטאניע.

# צוויי באריכטן

## 1. די פאריזער קינדער אין „גרענד פאלי"

ווען דער פראגרעסיווער טייל, דער לינקער פליגל אונזערער, די יידן, אזוי צו זאגן, וואס די רעליגיעזע, צו די נאציאנאלע ענינים אינטערעסירן זיי שוין נישט אזוי שטארק, ווייזן ארויס אקטיוויטעט אין יידישן געזעלשאפט־לעבן און קולטורעלן לעבן, איז פאר אונז נאך מער אנגעלייגטער און חשובער. שוין פון דעם טעם, ווייל דער פאקט אליין ליפערט אונז א לעבעדיק באווייז, אז יידישע קולטור אליין האט אין זיך די פאטענץ אויפצוהאלטן און צו שטארקן דאס יידישע פאלקס לעבן.

און דאס האבן ווידער באוויזן די 45 קינדער פון „פארבאנד פאר ווידער־שטאנד און קעגנזייטיקער הילף", וואס דער ארבעטער־רינג־קאמיטעט האט זיי אהערגעבראכט. אויף דאטשע אויף איניקע וואכן. זיי האבן עס באוויזן מיט זייער פארשטעלונג־נאכמיטאג, איידער זיי זיינען צוריק אהיימגעפארן.

שוואכע צארטע, נישט גוט־דערנערטע יתומים־קינדער. וואס זייערע פאר־שיקטע עלטערן זיינען נישט צוריקגעקומען פון די קאנצענטראציע לאגערן; דערצויגענע ביי גויים, אין קלויסטערס, אין אזעלכע פרעמדע סביבות וואו זיי



האבן זיכער קיינמאל פאר די אויגן נישט געזען קיין שום יידישלעך היימיש לעבן, ווער רעדט נאך פון פאלקסטימלעכע און רעליגיעזע טראדיציעס. אודאי און אודאי נישט. און דאך ווי האבן זיי דאס, אט די פארפרעמדטע קינדערלעך פארגעשטעלט א חדר־סצענע, מיט לערנענדיקע חדר־יינגלעך און א מלמד, און ווי פיין און „נאטוראליסטיש" זיי האבן דאס געשפילט, ממש מאסקווער יידיש מלובה־טעאטער — יא, נייע יידישע טראדיציע! מיט בל־ערליי אויס־געקנטע קנייטשן און זיך בוינן ארויסבאקומען איינגארטיקע פאלקסטימלעכקייט.

דאס יינגעלע וואס האט געשפילט דעם רבי'ן — א קליין געראטעוועט מלאך'ל, א ספריטנעדיקס, א וואקסענדיקער מכאעלס! און די אינסצעני־ירטע פאלקס־לידער מיט זייער יידישלעכן הומאר און קינדלעכקייט שטייגן אלץ איבער.

נאר א באזונדערע הנאה האבן מיר געהאט, ווען דאס קינד האט דעקלאמירט אברהם רייזענס ליד „מיר ברעכן די וואנט". קודם כל די הנאת, וואס אין דער יידישער ליטעראטור איז קיין וואנט נישט פאראנען מיט „מיינע ריכטער" און „דיינע ריכטער" — גרויסע יידישע ריכטער זיינען אונזערע אלעמענס! דער עיקר אבער איז געווען אונזער נענוס, ווייל מיר האבן זיך משער געווען, אז דאס רייזענשע ליד וואס דאס יינגל האט דעקלאמירט האט עס זיך אויסגעלערנט פונם נומער „לשון און לעבן" וואס איז געווען געווידמעט אברהם רייזענען....

וואלט אברהם רייזען געזען דאס גלויביקע קינד, „די אויגן פול צארן, פארגאסן מיט בלוט", — און געהערט דאס קינדערלעך הייזעריקלעך אויס־געשריי מיט אלע כוחותלעך:

„פארזאמלט אייך ברידער קומט אלע אהער
זאל יעדער צולייגן פעסטער זיין האנט"

ער וואלט מיר זיכער מוחל געווען (וואס איך קאן עס מיר נישט מוחל זיין!) די פארלוירענע, נישט געדרוקטע 4'טע סטראפע, פון דעם פיינעם ממש רעד־ליניעזן פאלקס ליד. ווי נוי עס האט מיר געטון נישט הערנדיק דאס קינד נאך די 4־טע סטראפע אויפזאגן, האבן מיר אבער די דריי אויפגעזאגטע סטראפעס איבערציינט:

מיר וועלן די הויכע, די פינסטערע וואנט
צעברעכן! צעברעכן! צעברעכן! "

## 2. דער חנוכת הבית אין יידישן קולטור־קלוב

אייב עס געגונגן נאך נישט די צוויי באווייזן פון וואוינונג קנאפקייט אין לאנדאן, דאס וואס דער בית־דין און דאס „ניי יידיש טעאטער" ווילן איינער דעם אנדערן ארויסשטעלן פאר דער טיר און דערווייל, ביז וואס ווען, שטעלט מען זיך ארוים פיינן איינער דעם צווייטן.. און אז די „רעדאקציע" פון „לשון

און לעבן". ווייל זי האָט נעבעך נישט וועמען ארויסצושמועלן קיין פיינ טראָגט זיך דער רעדאקטירער ארום שוין יאָרן מיט דער „רעדאקציע" אין בוזעמקעשענע (וואָלט זי באמת געווען א גאנצע!...) איז צוגעקומען א הריטער באוויי, און מ'האָט דעם יידישן קלוב מאקע ממש ארויסגעשטעלט פאר דער טיר. „וויים־איך־וואָס, א יידישער קולטור־קלוב דאָרט, איך האָב בילכערע פאראייגען און קלובן" טראכט זיך א יידישער „לענדלאָרד" בלע"ז...

אָבער די אקטיוויסטן אונזערע פון יידישן קולטור קלוב שרעקט מען נישט אָפּ. און מ'האָט געפינען א נייעם לאָקאל און פארגאנגענעם חודש האָט מען געפראוועט דעם חנוכת־הבית פונם נייעם לאָקאל —.ביי נעדעקטע טישן און באגריסונגען אויפן גרויסן אופן. צווישן די באגריסונגס־רעדנער זיינען געווען איייניקע פארטרעטער פון ארבעטער־רינג־בראנטשעס און אנדערע פעראייגען. פון „פריינט פון יידיש לשון" האָבן גערעדט משה עובד און אליהו פאלושאק. דער הויפט רעדנער פון אָוונט איז געווען דער ארבעטער און קולטור־טוער עלעק וואטערמאן. אין ליטעראַרישן טייל האָבן זיך באטייליקט נעט רובין מיט רעציטאציעס. סאָוויעטישע לידער און פאלקס לידער האָט געזונגען סעם* פעלטן.

אָפּנים אונזערע אקטיוויסטן הייבן זיך אויך שוין אָן צו פירן אויף א נאָר יידישלען וועג, א כמעט „רעליגעזן נאציאָנאלן". ווייל פון די רעדעס האָט זיך עפּעס ארויסגעהערט, אז יידיש איז משמעות נישט מער דער הויפט יסוד פאר יידישער קולטור... (וועגן דעם ענין א צווייטן מאָל און מער באריכות.)

לעצטנס האָט זיך די „ענגליש־קרענק" ל"ע, שטארק צעשפּילט צווישן די ציוניסטן. דאָס איז דאָך זייער גאנצע גלות־תרבות, משטיינסגעזאגט, אזוי־צוזאגן... אפילו דער „מזרחי" גיט שוין ארויס, נישט איינס, נישט צוויי, — נאָר האַלבן טוץ זשורנאלעכלעך און צייטונגלעך אין ענגליש ; דאָס אייניציקע אין יידיש, דאָס חודש־בן־יחיד'ל איז שוין „עליו־השלום"... דער נעשריבענער „ב"ה" אויבן אויפן „קאָפּ" ווי א סגולה קעגן דער חולאת... האָט אפּנים ווי סגאנצע צייטונגל רחמנא לצלן. אונזער איינער האָט שוין באלד מורא ס'מויל צו עפענען, עס וועט דאָך הייסן, אז מ'וויל ברעכן דעם „איינקייטס־פראָנט"...

אָבער אז דאָס קלעפּיקע חולאת שטעקט שוין אָן אינזערע לינקע אקטיוויסטן, אז זיי טראָגן זיך אויך שוין ארום מיט אָן ענגליש צייטונגל,— ב"ה! אָט האָט מען מיר אויף דעם חנוכת־הבית־אָוונט געשטעקט אין האנט אריין אזא מין „קולטור־צייטונגל" און ניי קויף נישט — עס וועט דאָך הייסן, אז איך וויל ברעכן דעם גאנצן „אייניקייטס־פראָנט"...

וואָסער אנדערן דרך־ארצדיקן צוגאנג האָבן אונזערע פאריזער פּראָגרעסיווע חברים צו דער יידישער קולטור־טעטיקייט און קינדער־דערציהונגס־ארבעט און וואָסער שענערן פּנים האָבן זייערע יידישע צייטונגען ! — פשוט א ברכה צו מאכן ! די קינדערלעך, וועלכע מיר האָבן געזען, זיינען דאָך די זויטען טראָגנדיקע פּירות דערפון. און מיר דאָ, מ'שטיינסגעזאגט...

ש.



# אין לאָנדאָנער אוניווערזיטעט

וועט היינטיקס יאָר געהאַלטן ווערן לעקציעס פון ד"ר שלמה בירענבוים :

דער אשכנזישער און די אנדערע יידישע קיבוצים אין מזרח־אייראָפּע און זייערע לשונות ; ארייננפיר אין דער יידישער פילאָלאָגיע ; אַלט־יידישע טעקסט (סקול אָף סלאַוואָניק ענד איסט יוראָפּיען סטודיעס) ; די „בריוו פון לכיש" ; ארייננפיר אין דער העברעאישער פּאַלעאָגראַפיע ; חסידישע טעקסטן (אין „סקול אָף אָריענטאַל ענד אפריקאַן סטאַדיעס").

רעגולערע און טייל שטודענטן און צופעליקע צוהערער קענען זיך פארשרייבן דעם צווייטן אָקטאָבער (אין אָריענטאַלישן אינסטיטוט) אויף דעם פערטן אָקטאָבער (אין מזרח־אייראָפּעאישן אינסטיטוט).

# ביכער אנגעקומען אין רעדאקציע

„אין זכות פון די טעג" — פון משה עובד.

„ב. באַראַבאַוו — א יידישער נאָון" — פון שלמה גאָלדענבערג.

„אין די לאַנגע ווינטער נעכט" — פון הינדע בערנער.

„מארק שאגאל" (פּאָעמע) — פון אהרן קורץ.

„דער קאמף קעגן אזאַרדשפּילן ביי יידן" — פון יצחק ריווקינד.

„דער טעאטער שפּיגל". סעפּטעמבער נומער, 1946, לאָנדאָן — ארויסגעגעבן „ניי יידיש טעאטער".

„פרייע יידישע טריבונע", סעפּטעמבער־אָקטאָבער נומער, 1946, לאָנדאָן — רעדאקטירט פון י. ח. קלינגער.

„אויפבוי" (10 נומערן, פון סעפּטעמבער 1945 — מאי 1946) מעלבורן — רעדאגירט פון אברהם שולמאַן.

„דער שפּיגל", יוני 1946, בוענאָס־איירעס — רעדאקטאָר י. ל. גראָסמאַן.

"Weekly News Letters" (on Jewish affairs) issued by Centropa News Service.

# ידיעות מארבע כנפות הארץ

* *

וואַרשע.— מיט דער לעצטער גרופּע רעפּאַטריאַנטן פון ראַטן־פאַרבאַנד זענען צוגעקומען קיין פּוילן : די באַקאַנטער דיכטער ישראל אַשענדאָרף, רייזל זשיכלינסקי, דער זשורנאַליסט א. צפנת (לאַנג־יעריקער מיטארבעטער פון וואַרשעווער „היינט") און לייזער פישמאַן, געוועזענער רעדאַקטאָר פון דער „ראַדאָמער שטימע".

* *

וואַרשע : — ביים פאַרלאַג פון דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין לאָדזש איז דערשינען א ביכל לידער פון דעם טראַגיש אומגעקומענעם יונגן יידישן דיכטער און פּראָזאַאיקער ש. שאַיעוויטש, וועלכער איז פאַרפייניקט געוואָרן אין לאַגער קאַופערינג, וואוהין ער איז ארויסגעפירט געוואָרן פון דער לאָדזשער געטאָ.

דאס ביכל לידער טראגט דעם סימבאליש־טראנייש נאמען „לך־לך" (אויסוואנדערונג).

דער מאנוסקריפט איז געפונען געווארן דורך דער היסטארישער קאמיסיע ערגעץ אין מיסט אין א געטא־הויף פון באלוט.

די לידער פון ש. שאיעוויטש זיינען א דענקמאל פון דער עפאכע, אין וועלכער עס איז אויסגעקומען צו לעבן די יידן אין פוילן בעת דער בלוטיקער היטלער־אקופאציע.

דער קדוש ש. שאיעוויטש איז געווען א לאדזשער. פאר 1939 יאר איז ער געווען באקאנט דעם יידישן לייענער עולם מיט זיינע דערציילונגען פונם יידישן ארבעטער־לעבן. אין 1939 יאר איז ער געווען מיטרעדאקטאר פון דעם ליטעראריש זשורנאל „קוואלן", וואס האט אנגעהויבן צו דערשיינען אין ווארשע אין פארלאג „ליטעראריש בלעטער" זיין ערשטע דערציילונגען־זאמלונג א. נ. „בלענקיטנע וועגן"...

אין טייל נאוועלן האט שאיעוויטש נעפרואווט געבן א שילדערונג פון די טראגישע טעג, ווען די היטלער־באנדעס האבן אויסגעווירעלט צענדליקער טויזנטער דייטשע יידן קיין פוילן, קיין זבאנשין.

צום בוך איז צוגעשריבן א פארדערע און באמערקונגען פון דעם ליטעראטור־פארשער נחמן בלומענטאל.

* *

מינכען. — דא איז פארגעקומען די גרינדונגס־פארזאמלונג פון א פארבאנד פון יידישע שרייבער און קינסטלער, וואס האט באשלאסן אנצופירן א פארשטארקטע יידישע קולטור־טעטיקייט צווישן די אויסגעווארצלטע יידן אין די דייטשע קעמפס און ארויסצוגעבן א ליטעראריש וואכנזשורנאל.

אין דער צייטווייליקער פארוואלטונג פון דעם פארבאנד זענען געוויילט געווארן : הערשל וויינרייך, ישראל קאפלאן, דוד וואלפע, ש. ר. בוגין און שלמה פראנק. דער זיץ־ארט פון דעם פארבאנד איז אין מינכען.

* *

מינכען. — אונטער די רעדאקציע פון ישראל קאפלאן, איז דערשינען א צייטשריפט פאר געשיכטע פון יידישן לעבן אונטער די נאציס. דער נאמען פון דער דרייכהאלטיקער צייטשריפט „פון לעצטן חורבן" ווערט ארויסגעגעבן פון דער צענטראלער היסטארישער קאמיסיע ביים צענטראל־קאמיטעט פון די באפרייטע יידן אין דער אמעריקאנישער זאנע.

* *

מינכען.— עס ווערט צוגעגרייט דער בילדער־אלמאנאך פון שארית הפליטה לעבן אין די דייטשע קעמפס.

* *

בודאפעשט. — דער אין אונגארן באקאנטער יידישער דיכטער יוסף האלדער, וועמען די נאציס האבן אין יאר 1945 ערמארדערט און זיין טויטן קערפער אריינגעווארפן אין דונאי־טייך איז געווארן געבראכט צו קבר ישראל אויפן בודאפעשטער יידישן בית עלמין. האלדערס קערפער איז געפונען געווארן ביי א ברעג שוין א צעפוילטער.

* *

פאריז. — א גרויסע קולטור־דערגרייכונג איז דאס שאפן פון דעם געזעלשאפטלעכן פארלאג „אויפסניי", וואס וועט ארויסגעבן יעדן חודש א יידיש בוך. עס געפינט זיך שוין אין



דרוק דער „יזכור־בוך", געווידמעט דעם אנדענק פון יידישע שרייבער, אומגעקומענע בעת דער נאצישער אקופאציע אין פראנקרייך. עס גייט אריין אין דרוק א יידיש לערנבוך פאר די קינדער. די ווייטערדיקע ביכער וועלן זיין געווידמעט דער געשיכטע פון דער ווידערשטאנד־באוועגונג, די ווערק פון ס. שולשטיין, ב. שלעווין, א. וויין און פון אומגעקומענע שרייבער

* *

קיעוו. — דא וועט אינגיכן דערשיינען דאס ערשטע יידישע זאמל־בוך, ארויסגעגעבן אין דער דאזיקער שטאט נאך דער מלחמה „קיעווער אלמאנאך".

* *

קאוונאז. — די פארוואלטונג פון די סאוויעטישע שרייבער פון דאגעסטאן און די בירא פון די יידישע שרייבער האבן ארגאניזירט אין מאכאטש־קאלא (הויפט־שטאט פון דאגעסטאן) א גרויסן ליטערארישן אוונט ווען איציק פעפערס ניי בוך „שוין און אפשוין".

* *

— דער יידישער געלערנטער י. רינגבורג האט פארעפנטלעכט א היסטאריש ווערק אויף דער טעמע „די לאגע פון די יידן אין תחום־המושב אין די 80־ער יארן פון 19־טן יארהונדערט".

# קולטור ידיעות פון דא

* *

דער „יידישער ארבעטער הילף קאמיטעט אין ענגלאנד" האט געשיקט נאך בעלגיע א מתנה, א זאץ מאטריצן שריפט צו קענען אנגיין דארט מיטן ארויסגעגעבן א יידישע צייטונג.

* *

בן־א סאכאטשעווסקי'ס „לכך השני" דערשיינט דעם היינטיקן חודש פון דרוק.

* *

א נייער באנד לידער „רינגען און קייטן", — פאעמען פון ס. פאלמע, גייט בקרוב אריין אין דרוק.

* *

דער ליטערארישער אוונט וועלבן „פריינט פון יידיש לשון" האט איינגעארדנט פאר דער באוואוסטער שוישפילערין. דינה האלפערן איז געווען א גרויסער דערפאלג נאכן אוונט איז געווען א געזעגן־באנקעט צו איר אפפארן אין ניו־יארק.

* *

מארק מארקאוו און עטא טאפעל זיינען אין פארגאנגענעם חודש אויפגעטרעטן מיט א רייע וואָרט־קאנצערטן אין מאנטשעסטער מיט גרויס דערפאלג

* *

דעם 9־טן אקטאבער, ווערט געעפנט אין דער „ארקאדיא־גאלעריע אן אויסשטעלונג פון דעם מאלער ארט־ש־באלד ציגלער.

* *

דעם 13־טן אקטאבער ווערט געעפנט אין „בן־אורי" די בילדער אויסשטעלונג פון מאלער יאזעף אפענהיימער.

* *

זונטיק דעם 13־טן אקטאבער, פארט אליהו פאלושאק פון „פריינט פון יידיש לשון" נאך לידז צו דער שלום־עליכם פייערונג צו האלטן א רעפעראט איבער שלום עליכם.

* *

פארגאנגענעם חודש האט דער

זשורנאליסטן און שרייבער פאראיין, איינגעאָרדנט א גלעזל טיי פאר ד"ר בארו, וואו ער האָט אפגעגעבן א באַריכט פונם „וועלט־קאָנגרעס" קאָנפערענץ אין פאריז.

* *

זונטיק, דעם 13־טן אָקטאָבער מאַכט דער שרייבער און „זשורנאַליסטן פאַראיין א גלעזל טיי אין האָטעל עספּלענאַדע לכבוד משה עובד'ס דערשינענעם בוך „אין זכות פון די טעג".

* *

משה עובד האָט אָנגעשריבן א דראַמע: „די נאַכטיגאַל לעבט".

* *

מ. קאַץ האָט אָנגעשריבן א נייע פּיעסע אונטערן נאָמען „דער נצחון פון ישראל". זיין פּיעסע „דעם נאַצים טאָכטער" האָט מען געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג אין אַרגענטינע.

* *

מאַקס קאָהען האָט אָנגעשריבן א פּיעסע אונטערן נאָמען „שופר של משיח". „תשליך"... וועלכעס איז אָפּגעדרוקט אין אונזער היינטיקן נומער איז א קאַפּיטל פון זיינס א בוך: „מעמוארן פון א יידישן שניצער".

## לשנה טובה'ס

* *

מיר ווינטשן א גמר חתימה טובה אונזער ליבן פריינט, דעם יונגן פּאָעט

**צ. ציקערט**

דוד גאָלדשולד, אלימלך בלאָבשטיין יוסף קליין און אלע שעלטער קינדער.

* *

פאר „פריינט פון יידיש לשון"

א גמר חתימה טובה

**— די קינדער פון שעלטער**

*

**יעקב טיילאָר** און פאַמיליע (לידז) ווינטשן אלע זייערע פריינט און באַקאַנטע, ווי אויך דעם כלל ישראל — א גליקלעכ יאָר, און א סוף צו די יידישע צרות.

* *

**יצחק וויינרייך, פרוי** און **זון** ווינטשן די קרובים און פריינט דאָ און בעבר לים — א גמר חתימה טובה.

* *

**מר מ. ביעטש** און פאַמיליע ווינטשן זייערע ברידער, שוועסטער, שוואָגערס און קרובים, אויך פריינט — א גמר חתימה טובה און א גוט גליקלעך יאָר.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס

(קינגס־האָל, 83, קאָמערשעל רויד, א.1 — 3 א זייגער בייטאָג פּינקטלעך)

שבת, חומ"ס, דעם 12־טן אָקטאָבער — דער טראַדיציאָנעלער סכות און שמחת תורה פייערונג; הרב דוב וואַרשאַווסקי וועט רעדן איבער קהלת; און פאַרלעזונגען פון אונזערע קלאַסיקער.

שבת, דעם 19־טן — געווידמעט דער יונגער יידישער פּראָזע.

שבת, דעם 26־טן — געווידמעט דער יונגער יידישער דיכטונג.



דער **„מאָרגען - זשורנאַל"** פון ניו־יאָרק איז די פירענדע יידישע טאָג־צייטונג אין אַמעריקע.

דער **„מאָרגען - זשורנאַל"** איז די איינציקע יידישע צייטונג אין דער וועלט, וואָס האַלט אויס אין לאָנדאָן א ספּעציעלן ביוראָ, כדי טעלעגראַפיש צו אינפאָרמירן טאָג־טעגלעך זיינע הונדערטער טויזנטער לעזער וועגן אַלגעמיינע און יידישע געשעענישן אין אייראָפּע.

די **„מאָרגען - זשורנאַל"** לעזער אין לאָנדאָן און אין ענגלאַנד קאָנען באַשטעלן די צייטונג, וועט זיי שיקן צו פאַראויס א טשעק אָדער פּאָסטל־אָרדער אויף £3.17.6 פאר א יאָר, אָדער £1.19.0 פאר זעקס חדשים.

שרייבט דייטלעך אייער נאָמען און אַדרעס (אין בלאָק־שריפט) און שיקט אייער באַשטעלונג אויפן אַדרעס:

*JEWISH MORNING JOURNAL*, Europeon Buraus, 66, Woodland, Golders Green, London, N.W.11.

*Telephone* SPEedwell 7935

## תקון טעות

זייט 17 לעצטע סטראָפע דאַרף זיין אנשטאָט „תפילת־זכאי" — תפלה זכה און אנשטאָט כולו כזה כולו זכה.

## מזל־טוב און ברכה

צו דער חתונה פון

**יחיאל מאיר ציגאַמאַן**

און

**שרה'לע אייזענבערג**

פאַרגעקומען 22־טן סעפּטעמבער 1946

ווינטשן — יוסף אייזענבערג און פאַמיליע פון קאָפּענהאַגען און די רעשטלעך קרובים פון שוועדן, לאָדז און ארץ ישראל.

שוין אַרויס! פּרייז: 3/6

**„אין זכות פון די טעג"**

פון

**משה עובד**

צו באַקומען ביים מחבר:

MOSHE OVED, 26, Museum Street, London, W.C.1

עפנטלעכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי

יידישער טעאַטער „גרענד פּאַלאַס", קאָמערשל רויד, א.1

**מאַרק מאַרקאָוו** און **עטא טאָפּעל**

טרעטן אויף מיט זייער קינסטלער טרופּע

טעגלעך יעדן אָוונט — 7.30

„די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון
מאררים מייער

די איינציגע טעגליכע
אידישע ציטונג אין
אייראפא.

אילוסטרירטער
טעאטער שפיגל

חודש־זשורנאל, ארויסגעגעבן פון „פאלקס־הויז" (בית־עם) און פון ניי־אידיש־טעאטער אין לאנדאן. אין יעדן נומער דערשיינען אקטועלע ארטיקלען און ידיעות, וואס ענגען נוגע דעם יידישן טעאטער אין לאנדאן און אנדערע לענדער.

פרייז פון 1 נומער: 1 שילינג
אדרעס:—

"THEATRE MIRROR"
Adler Street, London, E.1
England.
Telephone: — BIS 1320.

ניי-אידיש טעאטער
פאלקס הויז (בית עם לטד.) אדלער סט. א.1
דירעקטאריום: וו. קאסאף, ה. רייפעלזאן, מרס. שאפירא.
משגיח: מ. ביטלער. אנפירונג: א. מייזעלס. האנ. סעק.: א. ביטלער.

ראבערט עטקינס פירט אויף שעקספיר'ס
דער סוחר פון ווענעדיק
יידיש: א. מייזעלס

באטייליגטע לויט דער פיעסע:
יאזעף שערמאן, הערמאן טונים, דוד סעגאל, אלבערט פאקס, מאקס בוים
לעאן בלומענזאן, יודל גאלדבערג, יוסף נעוואלסקי, מאיר צעלניקער,
מארים אקסעלראד, לעוו הויזער, אנא צעלניקער, מעטא סעגאל, רות
לעווענשטיין, א.א.
מוזיק דירעקטאר: פהיל בערנשטיין. בינע מענעדזשער: זשאק טשעפל

יעדן אוונט פארשטעלונג (פרייטאג געשלאסן)
שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאג
אוונט 7.

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

81

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

זיבנטער יארגאנג נאוועמבער 1946 לאנדאן **נומער 11** (העפט 82)

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט:

שעקספיר אויף דער יידישער בינע אין לאנדאן — ** . . . 1
שעקספירס איינפלוס אויפן יידישן טעאטער (עסיי) — לעא קעניג 4
א בריוועלע צום הארצן (ליד) — משה עובד . . . . 10
די קאץ (סקיצע) — ל. ש. קרעדיטאר . . . . . 11
דאס ליד, פון דער פאעמע „די פידל" (לידער)
— אברהם פנחס ציקערט . . . . 14
די ברכה (דערציילונג) — א. קיפניס . . . . 16
רבי דודל לעלעווער (באלאדע) — א. נ. שטענצל . . 21
די געשיכטע האט גע'פסקנ'ט — פראפ. שלמה מיכאעלס 28
יידישער אורטייל! (נאך נירעמבערג) — דוב ווארשאווסקי 30
א פאלק אונטער שטעכל־דראט (פון אוישוויץ ביז ציפערן)
— נחום שטענצל . . . . . 36
יידישע מיסטעריעס — ד"ר יעקב מייטליס . . . 39
אן ענטפער דער קריטיק פון משה עובדס בוך:
„אין זכות פון די טעג" — ע. ד. יוראוויטש . 42
שלום עליכם — פאלקס דיכטער און הומאריסט
(א רעדע) — אליהו פאלושאק . . . 46
די יידן אין דענעמארק — יוסף אייזענבערג . . 49
אויב נישט נאך העכער (א טעאטער „שטודיע") — ש. . . 54
טעאטער אלס דערציאונגס מיטל (באריכט) — א. פ. . . 59
אברהם רייזען אין „יידישן קולטור קלוב" (באריכט) — ל. ל. . 60
קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ — ** . . . 61
קולטור ידיעות פון דא — ** . . . . . . 63
צוויי נאטיצן: 1 יידישע מיסטעריעס; 2 אין זכות פון די טעג — ** 64
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס—* . . 64

**פרייז 1 שילינג**

אבאנעמענט־פרייז:—13/6 פאר א יאר;
אין אויסלאנד:—3 דאלאר א יאר
1/3 פאר א פראבע נומער

אדרעס פון רעדאקציע
„לשון און לעבן", נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1.